STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05028

# SEFER TORAH BA-HARUZIM

Alexander Ziskind Gurwitz

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph & Shirley Feldman*
*in honor of*
*Shaina Kroll, a Jewish beauty in body & mind enhancing the world*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# לישרים נאוה תהלה

לידידי הנכבד יקר רוח, מנעים זמירות ישראל שו"ב מר טשוגלאוויס הי"ו
רעיתו הנכבדה ובנו ובתם הנעימים כלם לברכה!

איך שיק אייך מיין בוך איבערגעזעצט, אין אנדענקונג פאר אייער
קינסטלערישע ארבעט די מוזיק אויף מיין ליד „עקדת יצחק" און פאר
אייער באשטעהענען מיט אייער גראסארטיגען זינגען די צעלעבראציע
צו מיין ברוכה, פון מיר אייער פריינד. המחבר זאב הן [illegible]

תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב

# ספר
# תורה בחרוזים

## חמשה חומשי תורה בשפת יהודית

מאת


**אלכסנדר זיסקינד הורוויץ**

**בלא״א מו״ה יעקב מאיר ז״ל**

שו״ב ומורה עברית בת״ת בעיר סאן אנטאָניא, טעקסאס


**חלק ראשון**


יוצא לאור ע״י

בית מסחר ספרים „פרדס“

שנת ה׳תר״צ

ניו יאָרק 1929

אסור להדפיס ספר זה בלי רשות המחבר

אָריאם פרעס, 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

# THE PENTATEUCH

AS

TRANSLATED

FROM THE

HEBREW

INTO

YIDDISH VERSE

BY

REY Z. GURWITZ

VOL. I

Published by
PARDES HEBREW-ENGLISH BOOK STORE
AND PUBLISHING HOUSE

1929

28 CANAL ST., NEW YORK

*Copyright* 1929 *by*
REV. Z. GURWITZ
SAN ANTONIO, TEXAS



ALEXANDER Z. GURWITZ

הונף והורם לרעיתי
שהיתה לי לעזר בעבודתי,
**מ׳ פעניע הורוויץ, תחי׳**

ולחתני המהלל ויקר רוח
**מר׳ הערדי העססיל, נ״י**

ולרעיתו היא בתי המהללה
**מ׳ אידע העססיל, תחי׳**

מאת בעלה ואביהם מוקירם
המחבר
**א״ז הורוויץ**

# הסכמות

Rabbi Samuel T. Phillips
Congregation Agudas Achim
San Antonio, Texas

ידידי ומוקירי הנכבד
הלמדן המופלג בתורה וחכמת ישראל
המשורר והסופר ר׳ ז. גורוויץ:—

נעים עד למאד היה לי לראות את מחברתו הנפלאה, העתקת חמשה חמשי תורה מלשון הקדש לשפת אמנו „אידעש". אמנם אחרי קראי דפי חבורו נוכחתי כי העתקתו היא היותר טובה, יפה ומבחרת מכל ההעתקות הקודמות. קראתי בענג רוחני את ספרו המצוין, כי לשונו צחה וחרוזיו מלאים יופי, ידי סופר מהיר, ולכן באתי לבקש מכל איש מישראל לקנות את החבור הנפלא של ר׳ ז. גורוויץ, ואין ספק כי חרוזיו הנהדרים ימשיכו את לב הזקנים והנערים, ואז יתחילו לאהב את דברי תורתנו הקדושה.

מקוה אני כי אנשי סאן אנטאניא בפרט היודעים את טיב ערכו של המשכיל הסופר ר׳ ז. גורוויץ, ואחינו בני ישראל בכלל יחזיקו את ידי המחבר הידוע, ויביאו אל ביתם ספרו, למען טובת הספרות הישראלית. מתענג אני לקבל את הכבוד להיות הראשון לשלם בעד ספרו היקר בטרם יצא לדפוס, ואקוה כי רבים מבני עמנו יעשו ככה. מתפלל אני לה" אלהי אבותינו שישלח שלום וברכה למחבר למען יוכל לראות בפרי ידיו ולמען שישלים כל חבוריו והעתקותיו.

ממני מכבדו ומוקירו כערכו הרם,

**שלמה ב״ר שמואל משה פיליפס**

רב לק״ק „אגודת אחים"

סאן אנטאניא, טעקסעס

RABBI CH. HIRSHENSON
Hoboken, N. J.

שפעת שלום וברכה יאתה מרבבות קודש לכבוד ידידי
המופלג בתורה ויראת ה" טהורה,
חכם וסופר תורני ופייטני חורז חרוזי מרגליות
בתורת ה" תמימה ומפנינים יקרה,
מוהר"ר א"ז הורוויטץ נ"י בסאן אנטאניא, טעקסעס.
יהי נועם ה" עליו וגו" אכי"ר.

אחדש"ת! את יקרת מכתבו קבלתי עם הדוגמאות מספרו החשוב „תורה בחרוזים" בלשון אידית אשר חפץ להוציא לאור למען להבבה על הדור שאין בו דעה לשון עברית ולא ימצא נועם בהעתקה פראזית מפני התרחקם בעוה"ר בארץ המהופכת (אשר הרגלים למעלה והראשים למטה לפי המחשבה הקדומה באוסטרינומי) מאורה של תורה, והעתקה החרוזית יקרבם וישיבם אל מקור מחצבתם, ואם לא תועיל לכלם תועיל למקצתם. בלתי שום ספק החוב עלינו בדורנו לעשות כל מה שביכלתנו, להשיב בנים לגבולם כל אחד במה שחוננו החונן לאדם דעת לעזור ברב או במעט אשר הוא בכלל כבד את ה" מהונך ממה שחוננך וכתר"ה אשר בחסד עליון חננו הק"בה בכח זה אשר אתמחי מכבר בחרוזיו הנפלאים, ודאי דבר גדול יעשה בזה אשר אולי לכך מצפה, אשר זה חובת כל בעל תכונה מיוחדה לחשוב על תכונתו להביא תועלת לעמו.

ושמחתי כי שמע לעצתי לבאר חרוזים מיוחדים אשר נאותים לתוי נגינה. אשר נערים יחדם ירונו במקהלות ברכו ה", אשר כח גדול להנגינה בהשירה האידית לפעול על לב המדברים עדין בלשון גלותנו אשר הלשון הזה שאף לתוכו כמה רגשי קודש ורעיונות מזמן אשר התורה היתה כל חיינו ואורך ימינו. ובה הגינו יומם ולילה (עיין ספרי ימים מקדם פרק ו' בהערה לעמוד 77.) הנני אומר לפעלא טבא ישלם ה" פעלך ותהי משכורתך שלמה מאל גמולות שלא תמוש התורה מפי זרעך וזרע זרעך עד עולם, ותזכה לחזות בבנין העיר על תילה וההיכל על מכונו. כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם וישראל במעמדם, כעת"כ ידידו מלו"נ מוקיר פעלו לעם עני ודל,

**חיים הירשענזאָן**

רב דהובאקען, נ. דז.

ידידי הנכבד מופלג בתורה,
משכיל ע"ד אמת, משורר מפואר,
חכם וסופר, מ"ר א"ז הורוויץ, שליט"א
שו"ב קהלת סאַן אַנטאָניא, טעקסעס.

ראיתי את מחברתו בכת"י תורה בחרוזים באידיש על חמשה חומשי תורה וחפצו להוציאה לאור, עיינתי במחברתו אחת הנה ואחת הנה ואמינא לפעלה טבא יישר! כי באמת היא אומנת יפה, רב הערך. ורב תועלת להעתיק כל דברי תורתנו בשפת אידיש המדברת בין מיליאָני ב"י הנפוצים בכל כדור הארץ הכל בקיצור נמרץ לא יחסר כל בה. והחרוזים בחרוזי פנינים. ייפו ויקשטו עוד יותר את מחברתו. ולדעת זה הספר „תורה בחרוזים" טוב מאד ללמוד עם נערי ב"י בבתי אולפנא בת"ת, כי יופי הלשון וצלצל החרוזים ימשיכו את לבבם, וילמדו אותו אף אחרי עזבם את הת"ת ויבינו אמרי קודש הנאמרים מפי מחוקקני הצפונים בהם מוסר, מידות טובות, דברי מדע הכל בקיצור נמרץ, והחרוזים יצלצלו באזניהם יפה ונעים, להמשיך את לבבם, ועל ידם יתקרבו ויצמדו להוריהם לעמם ודתם. גם היא תועלת רבה לגדולים אנשים ונשים, כי יתענגו מאד בקראם את הספר הזה, ידעו ויבינו את כל דברי תורתנו ה"ק. ע"כ ראוי ונכון לכל יחיד גם למנהלי הת"ת להחזיק ביד מר' הורוויץ למען יהי לאל ידו להוציא את הספר הלז לאור. וכי ספרו הנעלה הזה ימצא בכל בית ישראל, אשר נצוצי שלהבת יה עוד לא כבו מלבבם, תקותי חזקה, כי דברי אלה ימצאו מסילת בלבב אח"בי הצמודים ואחוזים לתורתנו ועמנו.

והנני אומ"ש לכל המחזיקים ביד מר' הורוויץ בדבר הטוב הזה, באתי עה"ח יום י"ב לח' מרחשון, תרפ"ט,

**שמואל בלא"א מאיר יוסף קליבאן,**

פק"ק סאַן אַנטאָניא, טעקסעס.

Rabbi Samuel T. Phillips
Congregation Agudas Achim
San Antonio, Texas

March 13, 1929

This letter recommends very highly the very fine work of Rev. Z. Gurwitz of our city. Rev. Gurwitz is an excellent scholar of Jewish learning who has delved deeply into the "Yam Hatalmud" and Jewish literature.

His present work, the translation of the Pentateuch from Hebrew into Yiddish, is the best ever translated by any one and is a worthy contribution which every Jew should buy for his home. Rev. Gurwitz has displayed extraordinary talent and great ability in rendering into beautiful verse this translation of the Pentateuch. He is a man of integrity and fine character, a scholar of the type that should be given all the help and co-operation possible in order that he may continue his valuable contributions to the field of Jewish literature in his translations of biblical books.

Very sincerely yours,

*SAMUEL T. PHILLIPS*

Rabbi Ephraim Frisch, Ph. D.
Temple Beth-El
San Antonio, Texas

It is with exceptional pleasure that I herewith give my warmest endorsement to Rev. Z. Gurwitz's new volume of paraphrases in rhymed verse of the Books of Genesis and Exodus. Rev. Gurwitz writes brilliantly and with great mastery of his subjects in both Hebrew and Yiddish. I have delved into his published essays in Hebrew and into several of his manuscripts. His Hebrew poems on various phases of Jewish observances and experience are eloquent and striking.

In his present volume he has seized the gist of the great narratives and sentences of the Biblical books and shaped them into poetical gems of distinct melodiousness and charm, making exceptional use of the wealth of Yiddish idiom.

All people who understand Yiddish will be delighted with his renditions, as I was when the author personally read them to me.

Sincerely,

*EPHRAIM FRISCH*

## APPRECIATION

The author desires at this time to aknowledge the material and generous aid given him in making this work possible, and deeply appreciates the encouragement given him by the people whose names appear below:

### SAN ANTONIO, TEX.

Frisch Ephraim (Rabbi)
Gurwitz E.
Gurwitz, E. (Mrs.)
Gurwitz, J. A.
Gurwitz, J. A. (Mrs.)
Gurwitz, Sam.
Gurwitz, S. (Mrs.)
Harrison Daniel (Dr.)
Hessel, Harry
Hessel Harry (Mrs.)
Kantor, David
Leibman, M. M.
Leibman M. M. (Mrs.)
Levine, I.
Levine, I. (Mrs.)
Lubel, H. (Rev.)
Lubel, H. (Mrs.)
Makrow, G.
Makrow, G. (Mrs.)
Marks, Samuel (Rabbi)
Mazur, Max.
Mazur, M. (Mrs.)
Phillips, Samuel T. (Rabbi)
Richie, J. D.
Richie, J. D. (Mrs.)
Sugarman, Harry
Sugarman, H. (Mrs.)
Sugarman, Sam
Sugarman, S. (Mrs.)

The author is further indebted to the following list of patrons whose pre-publication subscriptions have materially aided in the publication of this work and marketing same.

Abramson, N.
Alter, Wm.
Barenblat, B.
Brenner, I.
Cohen, H.
Cohen, L.
Eidleberg, M.
Esstman, L.

Franklin. W.
Gurinsky, C. H. (Mrs.)
Guttman, Theo.
Hershman, J.
Hyman, J.
Josephson, F.
Kamrass, A.
Karotkin, Max (Mrs.)
Katz, Ben.
Katz, Z.
Lande, T. D.
Lebman, S.
Lebman, H.
Lee Charles
Levin, S.
Lifshutz, Sam B.
Marcus, M.
Matusoff, A.
Milgrom, M.
Nathan, A.
Nathan, B.
Pashkoff, Ben. H.
Penner, M.
Pinken, H.
Reisberg, A.
Richbook, M.
Ring, Jos.
Roseman, Max.
Roseman, Meyer
Rubin, J.
Sheff, Max.
Spector, J.
Stillman, H.
Suprun, J.
Tobias, I.
Vexler, A.
Wiedermann, B. O.
Wiedermann, S.

LAREDO, TEXAS

Davis, M. S.
Franklin, M.
Franklin, L.
Freed, J.
Granoff, A. L.
Lecht, Ben.
Schwartzman, A.

NEW YORK, N. Y.

Bassein, B. (Rev.)
Bassein, B. (Mrs.)
Bellowitz, M. T.
Schulman, H.
Steinman, M. (Family)
Solow, A. E.
Solow, Y. (Family)
Zeidlin, M.

BINGHAMTON, N. Y.

Shulman, Morris

PHILADELPHIA, PA.

Dubin, L.
Hoffman, K. (Mrs.)
Kulik, I. (Mrs.)
Kulik, Z.
Leibmann, M.

SCRANTON, PA.

Jacobson, N.

In addition to those whose names appear above, the author further desires to aknowledge the profered and promised aid of a host of other friends, whose encouragement and financial assistance will greatly aid towards making this publication selfsupporting.

REV. Z. GURWITZ

# הקדמה קטנה

אברך את ה׳ אשר יעצני, איך לויב און דאנק גאָט, וואָס ער האָט מיר אריינגעגעבען אַ געדאַנק איך זאָל איבערזעצען תורה אין חרוזים אין אידיש, אין דעם אופן, אַז ס׳זאָל מעגליך זיין פאַר יעדען, וואָס אידיש איז פאַר איהם ניט פרעמד, זאָל קענען דייטליך און קלאָהר פאַרשטיין גאַנץ תורת משה, די געשיכטע פון בריאת העולם, ביז פטירת משה, אַלע חקים ומשפטים, אַלע מצות און דינים, אויסגעפינען די טייערע פעריל, די נאָבעלקייט און גוטהייט, וואָס געפינט זיך אין איהר, רחמנות און ליבשאַפט צום ליידענדען און געדריקטען, צום גר, יתום און אלמנה, און אָפּהיטען דעם מענשען פון שענדליכע און שמוציגע טהאַטען. „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב״. די תורה, וואָס משה האָט אונז געבאָטען מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, איז דאָס פאַרבליבען אַ ירושה פון יעקב׳ס קינדער אויף אייביג. זי לייכט אונז אין אונזער גלות-וועג, ווי דער עמוד האש אין דער מדבר, מיר זאָלען נישט פאַרלירען דעם גלייכען וועג, און ניט אונטערגעהן, ווי אַנדערע אַמאָליגע פעלקער זיינען אונטערגעגאַנגען. דורך איהר פאַרבלייבען מיר אַן „עם נצחי״ אַן אייביג פאָלק! אַלזאָ, שעץ איך זיך גליקליך, וואָס דורך מיין איבערזעצונג וועלען פילע וויסען אַלץ וואָס געפינט זיך אין די חמשה חומשי תורה. איך גלויב, אַז עס וועלען זיך געפינען מענשען, וואָס וועלען פרעגען : „מי בקש זאת מידך?״ ווער האָט דאָס פאַרלאַנגט פון דיר ? וואָס האָסטו אויפגעטאָן מיט דיין איבערזעצונג ? מיר האָבען שוין איבערגענוג איבערזעצונגען אין פילע שפּראַכען, און אויך אין אידיש. היינט

וואָס גיט אונז דיין ספר? בעט איך אָט די שאלה-פרעגער זאָלען דורכלעזען עטליכע בלעטלאַך פון דיזען ספר, וועלען זיי אליין צוגעבען, אַז דער ספר וועט ברייגגען פיל נוצען, ווייל די איבערזעצונג איז אחת במינה, ס'איז נאָך אַזוינס ניט געווען, אויסער וואָס מיין ספר איז ריין פון לעגענדעס, נאָר תורת משה אליין על פי דרך הפשט, לפי דעת חז"ל. די היסטאָריע איז דייטליך און קלאָר, צייכענט זיך אוים דער ספר דורך זיין גראַם מיט זיין שיר, וועלכע קלינגען זיס און גוט, גיבען צו חן און ציהט די האַרץ פון דעם לעזער. ס'וועט איהם ניט ווערען איבערדריסיג צו לעזען פילע מאָל, ער וועט געפינען אַ גייסטליכען פארגעניגען. עס וועט צוציהען די אידישע האַרץ צו אונזער הייליגע תורה, וזה יהי' שכרי.

המעתיק והמחבר

# פאַרוואָרט

מיין צייט פאַרבראַכט, ביי טאָג, ביי נאַכט
געשריבען, געטראַכט, אַ ספר געמאַכט.
שירים און גראַמען, זיי אַלע צוזאַמען,
אין איינעם געקליבען, אין אַ בוך פאַרשריבען,
געשריבען פון ת״נ״ך, אין דער אידישער שפּראַך,
„תורת משה״ ביז גאַר, דייטלך און קלאָהר,
קיין זאַך ניט פאַרפעלט, כסדר געשטעלט,
בכלל און בפרט, נאָך דעם פּראָסטען פשט
די חקים און דינים, משפטים מכל המינים,
ווי אין תורה געשריבען, אַלס אויף געקליבען,
יעדער קען געניסען, „תורת משה״ וויסען,
אַ היסטאָריע אַ ריינע, פאַר גרויסע און קליינע,
פאַר פרויען און מענער, פאַר׳ן המון און קענער,
אַזוינס ניט געוועזען, אַזוי לייכט צו לעזען,
און דער גראַם, דער שיר, גיט חן צו איהר.
אויך שירים צו זינגען, די חרוזים זיי קלינגען,
און פיל פערעל געקליבען, פון משלי געשריבען,
פון געמליכע פּאָעטען, פון נביאים פּראָפעטען,
איהר וועט דאָרט קריגען אַ גייסטיגען פאַרגעניגען,
געוויס וואָלט איך וועלען, מיין ספר זאָל געפעלען,
נאָר יעדער מיט זיין געפיהל קען זאָגען וואָס ער וויל.
אויב אַ זכרון וועט בלייבען, פון מיין טראַכטען, מיין שרייבען,
פון מיין גראַם, מיין שיר, איז שוין גענוג פאַר מיר.

**המחבר א״ז בן לא״א מ״ר יעקב מאיר ז״ל הורוויץ,**

שו״ב ומורה עברית בת״ת סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס.
כ״ז ניסן, שנת תרפ״ט.

# גאָט׳ס וואונדער

ווי גרויס ביזטו גאָט!
ווי גרויס איז דיין וועלט,
ווי מעכטיג, ווי פעסטיג,
דו האָסט זי געשטעלט!

שוין טויזענטער יאָהרען זיינען פארלאָפען,
קיין ענדערונג אין איהר האָט געטראָפען.
אלץ ווי אין אָנפאַנג פעסט אויף איהר אָרט,
ווי זי איז באַשאַפען דורך דיין מעכטיגען וואָרט.
ווי גרויס...

קיין שטערען אין הימעל, קיין טראָפען אין מעער,
אלץ ווי פון אָנפאַנג, ניט ווינציגער, ניט מעהר, (*)
קיין שטיינדל, קיין זעמדל געהט ניט פארלאָרען,
ווערט קיינמאָל באַשאַפען, קיינמאָל געבאָרען.
ווי גרויס...

פון גאָרנשיט האָסטו די הימעל געמאַכט,
אָהן הילף, אָהן העלפער די ערד געבראַכט.
די הימלען פון אויבען, ווי פאָרהאַנגען פארשפרייט,
די ערד פון אונטען מיט פלאַנצען פארזייט.
ווי גרויס...

די הימלען דערציילען די עהרע פון גאָט,
די געטליכקייט זעהט מען אויף יעדער טראָט.
די זון, די לבנה, און די פילע פלאַנעטען,
באַשעהנען גאָט׳ס וועלט מיט שטראַהלען, ראקעטען.
ווי גרויס...

---

(*) עליו אין להוסיף, וממנו אין לגרע. (קהלת ג׳ יד.)

אין סעדער, אין וועלדער די בוימער גריגען,
פויגלען אין די צווייגען נעסטען געפינען,
מאָרגען-לידער צום שעפּער זיי זינגען,
זייער זיסער געזאַנג אין די וועלדער קלינגען.
ווי גרויס...

פון יעדען טייכעל, פון יעדער קוואַל
גאָט'ס שעפּונג זעהט מען איבעראַל.
אין ים'ען, אין טייכען שווימען פישען שטום,
גאָט'ס וואונדער זעהט מען אומעטום.
ווי גרויס...

דער ווינט, דער שטורעם בלאָזט אומגעהייער,
די גרויסע בערג, וואָס וואַרפען פייער,
די דונערען, די בליצען, דער רעגען, דער שניי,
גאָט'ס וואונדער זעהט מען פון זיי.
ווי גרויס...

די וועלען פון ים, יעדער באַזונדער,
דערצעהלען זיי אונז גאָט'ס וואונדער,
וואַרפט זיך, איהר וועלען, הויך ווי איהר קענט!
איהר וועט ניט אַריבער איבער גאָט'ס ווענט.
ווי גרויס...

יעדער באַשעפעניש פון גרויס ביז קליין,
פון ריזיגען וויזעל (ראם) ביז'ן וואָרעם אונטער שטיין,
בהמות, חיות, ווידמינג אַלערליי,
מיט גאָט'ס חסד געשפּייזט ווערען זיי.
ווי גרויס...

ווער קען צעהלען די וואונדער פון גאָט'ס וועלט?
ווי אין יעדער שעפונג, די נאַטור פעסט געשטעלט.
אַ וועלטל  אַ שעהנע באַשאַפען, אַ פּראַכט!
דעם מענשען אויף איהר אַ הערשער געמאַכט.
ווי גרויס...

דער קראַפטלאָזער מענש, אַ הערשער ער ווערט,
אין אַלע עקען וועלט, וואוהין ער זיך קערט.
מיט געטליכען פאַרשטאַנד, שכל און זינען.
נאַטור-געהיימנים פאָרשען, געפינען.
ווי גרויס...

די לופט פאַר איהם מוז רעדען און שפּילען,
די גאַנצע שעפונג מוז טהאָן זיין ווילען,
ווי פויגלען אונטערן הימעל, פליהען אין דער הויך,
איבער יבשה און איבער די ים'ען אויך.
ווי גרויס...

מיר קענען פאַרשטיין די גרויסקייט פון גאָט,
פון געטליכען פאַרשטאַנד, דער מענטש וואָס ער האָט,
וואָס די שעפונג איז שעהנער און בעסער.
איז אַלץ דער שעפער מעכטיגער און גרעסער!
ווי גרויס...

# ספר
# בראשית

# בראשית

## א

פאַראוים איז געווען דורך לײדיג און לער,
פינסטערניש, וואַסער און כאָאָס ניט מער,
נאָר גאָט'ס הײליג־גײסט האָט אויפ'ן וואַסער געשוועבט.
מיט אײן מאָל האָט גאָט'ס וואָרט אַלעס באַלעבט.
איבער די פינסטערניש האָט זיך געלאָזט הערען,
ווי גאָט האָט געזאָגט, „ליכטיג זאָל ווערען!“
עס ווערט באַלד ליכטיג איבעראַל אויף דער וועלט,
און גאָט קוקט דאָס אָן, און אים זײער געפעלט.
צווישען ליכטיג און פינסטער אַבשײד געמאַכט,
רופט די ליכטיגקײט טאָג, און פינסטערניש נאַכט.
אַזוי איז צום ערשטען מאָל אָווענט געוואָרען,
אַזוי איז צום ערשטען מאָל אײן טאָג געבאָרען.

## ב

גאָט האָט ווידער זײן שעפּונג אָנגעהײבען.
— אַ הימעל זאָל ווערען, — פאַנגט אָן גאָט רײדען.
— צווישען די וואַסער פון אונטען, פון אויבען,
זאָל אַ פאַרשפּרײטונג צוטײלען, צושײדען. —
באַלד האָט זיך פון אויבען אַ הימעל פאַרשפּרײט,
צווישען די וואַסער פאַנאַנדערגעשײדט.
אַזוי איז צום צווײטען מאָל אָווענד געוואָרען,
אַזוי איז צום צווײטען מאָל נאָך אַ טאָג געבאָרען.

## ג

— אין אײן אָרט די וואַסער, — הײסט גאָט זיך קלײבען.
— באַזונדער די טריקעניש, — הײסט גאָט פאַרבלײבען.
אַזוי איז ימים, יבשה ווערט אויף דער וועלט,
און גאָט קוקט דאָס אָן, און אים זײער געפעלט.
און גאָט זאָגט ווידער דעם זעלביגען טאָג:

— די ערד זאָל זיך אָנקליידען, — איז געווען זיין פארזאָג.
— מיט גראָז זאָלען ווערען באַוואַקסען די פעלדער.
מיט ביימער, מיט פרוכט די גערטנער, די וועלדער.
זאָם אין יעדער פרוכט זאָל ווערען געבראַכט,
יעדער נאָך זיין מין, יעדער נאָך זיין אַרט.
באַלד איז געוואָרען אַלץ אויף דער וועלט.
און גאָט קוקט דאָס אָן, און אים זייער געפעלט.
אַזוי איז צום דריטען מאָל אָוועַנד געוואָרען.
אַזוי איז צום דריטען מאָל נאָך אַ טאָג געבאָרען.

פ

און גאָט האָט ווידער זיין שעפונג אָנגעהייבען,
מיט לייכטונג באַהיינגען די הימעל פון אויבען,
זיי זאָלען די יאָרען, די צייטען, די טעג,
צייגען דעם מענשען זיין לעבענס-וועג.
ביי טאָג זאָל שיינען די זון אין איר מאַכט,
די לבנה מיט די שטערען זאָלען שיינען באַנאַכט.
גאָט האָט אין הימעל די צוויי לייכטונג געבראַכט,
איז אָבטייל געוואָרען פון טאָג ביזן נאַכט.
אַזוי איז געוואָרען די לייכטונג אויף דער וועלט,
און גאָט קוקט דאָס אָן, און אים זייער געפעלט.
אַזוי איז צום פערטען מאָל אָוועַנד געוואָרען.
אַזוי איז צום פערטען מאָל נאָך אַ טאָג געבאָרען.

פ

און גאָט'ס שטימע האָט ווידער געשריען:
פויגלען אויף דער ערד אין לופטען זאָלען פליען,
און פישען אַלערליי אין ימים, אין טייכען,
אַלע נאָך זייער מין, אַלע נאָך זייער גלייכען.
אַלעס איז באַלד געוואָרען אויף דער וועלט.

און גאָט קוקט דאָס אָן און אים זייער געפעלט.
און בענטשט די פויגלען אויף דער ערד זיך מערען,
און מיט די פישען זאָל די וואַסער פול ווערען.
אַזוי איז דעם פינפטען מאָל אָווענד געוואָרען.
אַזוי איז דעם פינפטען מאָל נאָך אַ טאָג געבאָרען.

## ו

— די ערד, — זאָגט גאָט, — זאָל פון זיך אַרויסגעבען
בהמות און חיות, רירונג און לעבען.
ווי גאָט האָט געזאָגט איז באַלד געוואָרען אַזוי.
בהמות און חיות און קריכענדיגע אַלערליי.
ווען גאָט האָט אַלעס פאַרטיג געמאַכט,
אַ מענשען באַשאַפען האָט ער פאַרטראַכט.
גאָט'ס געשטאַלט זאָל ער אויף זיך טראָגען,
געטליכע מידות זאָל ער פאַרמאָגען.
האָט גאָט דאַן באַשאַפען מענשען צוויי,
אַ מאַן און אַ פרוי געוועזען זיינען זיי.
און בענטשט זיי זיי זאָלען זיך פרוכפערען און מערען,
הערשער איבער אַלעס זאָלען זיי ווערען.
גאָט ענדיגט די שעפּונג אין גאַנצען אויף דער וועלט,
און קוקט דאָס אָן, און אים זייער געפעלט.
אַזוי איז צום זעקסטען מאָל אָווענט געוואָרען,
אַזוי איז צום זעקסטען מאָל נאָך אַ טאָג געבאָרען!

## ויכלו

געענדיגט אין גאַנצען, ניט געפעלט קיין האָר,
די הימעל, די ערד, די שעפּונג ביז גאָר,
אַן ענדע געמאַכט צו אַלעס וואָס ער טוט,
האָט ער דעם זיבעטען טאָג פון אַרבעט גערוט.

ער בענשט דיזען טאג, **שבת** רופט אים אן.
און גערוט פון זיין ארבעט וואס ער האט געטאן!

**ב**

דאס איז די געשיכטע וואס האט פאסירט
בא די וועלט באשאפונג, ווי עס האט זיך געפירט.
קיין בוימער, קיין גראז, האט זיך ניט געזען,
קיין רעגען געגאנגען, קיין מענש ניט געווען.
גאט האט פון א שטיק ערד א מענשען געמאכט,
א לעבעדיגען גייסט אין אים אריינגעבראכט.
אין עדן האט גאט א גארטען פארפלאנצט,
זיינע שיינע פרוכטען האבען פון וויטען געגלאנצט.
און אויף אנטרינקען די בוימער פון גארטען,
האט זיך א טייך געצויגען פון דארטען.
גאט זעצט דעם מענשען אין גן עדן אריין
בעארבעטען דעם גארטען, און א שומר אויך זיין.
אדם איז זיך רואיג אין גן עדן געזעסען,
גאט האט אים ערלויבט אלע פרוכטען עסען,
נאר פון עץ הדעת, (פון וויסען גוט און שלעכט)
עסען די פרוכט האט ער ניט געהאט קיין רעכט.
און אויב ער עסט, פאלגט ניט גאט'ס פארזאג,
טויט שטראף באקומט ער יענעם טאג.
גאט האט צו אדמ'ען אלע בהמות און חיות געבראכט,
און אדם האט פאר זיי נעמען באטראכט.
גאט זאגט — ניט גוט איז דעם מענשען זיין אליין,
איך וועל אים באשאפען, א העלפער פון זיין ביין.
האט ער אים פארשלעפערט, האט ער קיין וויטאג געליטען,
און פון זיין זייט א ביין אויסגעשניטען.
אז אדם האט זיך פון שלאף אויפגעכאפט
האט גאט אים דאן די פרוי געבראכט.

אדם האָט זי אָנגערופען מיט'ן נאָמען אשה, (אַ ווייב),
ווייל זי איז גענומען, פון זיין פלייש און לייב.
דאָרום פאַרלאָזט דער מענש זיין טאַטען און זיין מאַמען
און פאַרברייינגט זיין לעבען מיט זיין פרוי צוזאַמען.
אדם מיט זיין פרוי פלעגען נאַקעט ארומגיין,
זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ניט שיין.

ג

דער לוסטיגער שלאַנג האָט דאָס פאַרדראָסען
וואָס אדם מיט חוה'ן האָבען פאַרגעניגען גענאָסען,
איז דער שלאַנג צו חוה'ן געקומען צוגיין
ווען חוה איז אין גאָרטען געזעסען אליין.
— זאָג מיר, חוה, איז דען גאָט אַזוי שלעכט,
אַז קיינע פרוכט עסען, האָט איר קיין רעכט? —
זאָגט די פרוי — מיר מעגען עסען פון די פרוכטען פון גאָרטען,
נאָר ניט פון דער בוים, וואָס אין מיטען שטייט דאָרטען.
אויב מיר וועלען עסען אָדער אָנרירען זיך אָן איר,
טויט-שטראָף אין יענעם טאָג, באַקומען וועלען מיר —
— איר וועט ניט שטאַרבען, זאָגט איר דער שלאַנג,
איר זאָלט ניט קלוג ווערען איז גאָט'ס פאַרלאַנג,
ווען איר עסט די פרוכט, ווערען אָפען אייערע אויגען,
קלוג זיין ווי ער, וועט פאַר אים ניט טויגען. —
חוה זעט ווי שיין און גוט איז די פרוכט,
האָט זי גענומען פון זיי און האָט פאַרזוכט.
זי זאָל שטאַרבען און דער מאַן וועט לעבען?
האָט זי די פרוכט, דעם מאַן אויך עסען געגעבען.
זיי האָבען געזען אַז דער שלאַנג זאָגט ריכטיג,
זיי איז באַלד געוואָרען אין די אויגען ליכטיג,
און האָבען פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט שיין

אז מענשען זאָלען הויל-נאַקעט אַרומגיין,
האָבען זיי פון פייגען בלעטער גאַרטלען זיך גענייט
און אויף זייער נאַקעטקייט דאָס פאַרשפּרייט.

ד

זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז גאָט וועט זיי שטראָפען
זיינען זיי צווישען די ביימער פון גאָרטען אַנטלאָפען.
זיי האָבען דערהערט גאָט'ס שטימע אין גאָרטען,
— אדם וואו ביזטו, וואָס באַהאַלטסטו זיך דאָרטען?
זאָגט אדם — איך האָב דערהערט, דיין שטימע רופט מיך,
האָב איך זיך באַהאַלטען, ווייל נאַקעט בין איך —
זאָגט גאָט — ווער האָט דיר געזאָגט, אַז נאַקעט ביזטו?
פון די פאַרבאָטענע פרוכט געגעסען האָסטו? —
זאָגט אדם — די פרוי וואָס דו האָסט געבראַכט מיר,
זי האָט מיר געגעבען, האָב איך געגעסען מיט איר.
— וואָס האָסטו דאָס געטאָן, חוה? פרעג איך דיך,
זאָגט חוה — ניט מיין שולד, דער שלאַנג האָט אָנגערעדט מיך.
זאָגט גאָט — פאַרפלוכט זאָלסטו זיין, דו בייזע שלאַנג!
דיין עסען זאָל זיין ערד און אויפ'ן בויך דיין גאַנג.
צווישען דיר און מענשען וועט זיך פיינטשאַפט טראָגען,
דו וועסט זיין פוס בייסען, ער וועט דיך אין קאָפּ שלאָגען.
דער פרוי האָט גאָט אויך אַ קללה געגעבען,
מיט טרויער און שמערצען זאָל זי קינדער דערלעבען,
צום מאַן גלוסטען, צו זיין ליבע שטרעבען.
צו אדם'ן זאָגט גאָט — דו האָסט דיין פרוי געהערט,
געגעסען פון די פרוכט וואָס איך האָב פאַרווערט.
פאַרשאָלטען זאָל זיין די ערד צוליב דיר,
דערנער און שטעכלונג זאָל וואַקסען פון איר.
מיט שווייס פון דיין פּנים, עסען זאָלסטו ברויט,
דעם גאַנצען לעבען ביז דעם טאָג פון דיין טויט.

פון ערד ביזטו באשאפען, פון שטויב ביזטו גענומען,
שטארבען וועסטו, צוריק, צו איר קומען! —
גאָט האָט אדם'ן מיט זיין פרוי באקליידט,
פעלענע העמדער האָט ער זיי אויפגעניים.
זאָגט גאָט — דער מענש האָט יעצט שכל גענוג,
מיט געטליכען פארשטאנד, געוואָרען איז ער קלוג.
איך מוז אים באַלד פון גאָרטען פארטרייבען
ער זאָל דעם „עץ החיים" ניט עסען, און וועט לעבען בלייבען.
האָט ער אים פון גאָרטען פארטריבען, ארבעטען די ערד,
און אויף דער טיר פון גן עדן אויפגעהאנגען א שווערד!

## ה

חוה האָט אדם'ן געבאָרען זין צוויי (*
פארשיידענע ארבעט געהאָט האָבען זיי.
קין האָט געארבעט, געאקערט, געזייט,
הבל האָט געפיטערט שאָף, אין פעלדער צושפרייט.
אין א צייט ארום, האָבען זייביידע באטראכט,
זיי האָבען ביידע צו גאָט, קרבנות געבראכט.
קין האָט געבראכט פון דער ערד די פרוכט,
הבל ברענגט א שאָף, די בעסטע אויסגעזוכט.
דער קרבן פון הבל, האָט גאָט געהערט,
צו קין'ס קרבן האָט זיך גאָט ניט געקערט.
דער צאָרן פון קין, האָט ווי פייער געברענט,
פארוואָס האָט גאָט, זיין קרבן ניט ערקענט
זאָגט גאָט צו קין — וואָס ביזטו ברוגז אויף מיר?
פארוואָס איך האָב ניט צוגענומען דיין קרבן פון דיר?
איך וועל דיר פארציי׳ען אז דו וועסט זיין גוט,
אז ניט, איז דיין זינד נעבען טיר זי רוט.

---

(*) קין און הבל, גערופען האָט מען זיי —

די זינד וועט געלוסטען צו דיר שטענדיג אריין,
אבער דו וועסט תמיד דער געוועלטיגער זיין.
קין האט אויף הבל אויסגעגאסען זיין צארן,
און ער איז פון אים אין פעלד ערמארדעט געווארען.
זאגט גאט: קין, וואו איז הבל? דער ברודער דיינער.
זאגט קין: צי בין איך א שומר זיינער?
זאגט גאט: די בלוט פון דיין ברודער זאגט עדות אויף דיר,
פון דער ערד שרייט זיין בלוט צו מיר!
פארפלוכט זאלסטו זיין תמיד פון דער ערד,
וועלכע זי האט צוגעדעקט די בלוט פון דיין שווערד.
דו וועסט זי באארבעטען, איר קראפט זאל זי ניט געבען,
נע ונד (פארוואגעלט) זאלסטו זיין, דיין גאנצען לעבען.
זאגט קין: — גאט! איך בין זינדיג, איך וויים,
אבער מיין שטראף איז פאר מיר זייער גרוים!
דו האסט מיך פארטריבען אויף איין ארט ניט זיצען,
וועסט אויף מיר ניט קוקען, ווער וועט מיך באשיצען?
וואו איך וועל נעכטיגען, דארטען ניט טאגען,
ווער עס וועט מיך טרעפן וועט מיר דערשלאגען.
זאגט גאט: דער וואס דיר שלאגען, באשטראפט וועט ווערען.
און ער האט געמאכט א צייכען אויף זיין שטערן,
אז מען וועט אויף אים דעם צייכען זעען,
וועט אים קיין בייז געשען.
חוה האט נאך א זון „שת" געבארען,
אנשטאט הבל, וואס איז גע'הרג'עט געווארען.
אדם האט געלעבט הונדערט און דרייסיג יאר,
צען דורות זיינען אוועק, א דור נאך א דור. *)

(*) אדם, שת, אנוש, קינן, מהללאל, ירד, חנוך, מתושלח, למך, נח.

ו'

גאָט האָט געזען, אַז די מענשען זינדיגען אָן אַ ברעג.
שלעכטס טראַכטען און טאָן גאַנצע טעג.
גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט אַ מענשען געמאַכט.
חרוב מאַכען די וועלט האָט ער באַטראַכט.
נאָר צוליב נח'ן — דער איינציגער צדיק אויף דער וועלט, —
האָט גאָט צוליב אים זיין גזירה אָבגעשטעלט.

פפפ

# נח

נח, אין זיין צייט, איז געוועזן דער בעסטער,
אין יענעם דור דער צדיק דער גרעסטער.
מיט גאָט געגאַנגען זיינע גאַנצע יאָרען.
דריי זיהן, (שם, חם, יפת) זיינען בא איהם געבאָרען.
אַלע מענשען זיינען געווען פאַרדאָרבען, שלעכט,
מיט גזילה, רציחה, אַלץ וואָס ניט רעכט.
זאָגט גאָט: — די וועלט איז זינדיג געגען מיר,
אָן ענדע וועל איך מאַכען איינגאַנצען פון איר.
דו מאַך אַ קאַסטען פון גפר, די לייננ דריי הונדערט איילען,
דריי שטאָק הויך, אויף צימערען זיי צוטיילען.
אַ פענסטער מאַך אין קאַסטען, ליכטיג זאָל זיין.
און אַ טיר ביים זייט אין קאַסטען אריין.
אַז איך וועל ברייננען אַ מבול אויף דער וועלט,
וועסטו מיט דיין פאַמיליע זיצען אין דעם געצעלט.
פון אַלע באַשעפעניזען, פון מינים אַלערליי,
אין קאַסטען נעם אריין, פון אַלעם צו צוויי.
פון די ריינע באַשעפעניש צו זיבען זאָלסטו קלייבען,
אַט די אַלע וועלען נאָך דעם מבול פאַרבלייבען.
אויך שפייז זאָלסטו נעמען אין קאַסטען אריין,

אין דער צייט פון מבול געגוג עסען זאָל זיין.
אין ענדע פון אַ צייט, זיבען טעג אַרום,
פערציג טעג און נעכט וועט רעגענען אומעטום.
פון אַלעם וואָס אויף דער ערד וועט גאָרנישט פאַרבלייבען.
דארום זאָלסטו אַלעם אין קאַסטען צו זיך קלייבען.
אַז נח איז אַלט געווען זעקס הונדערט יאָר,
האָט ער געענדיגט זיין אַרבעט, אַלעס ביז גאָר!
אין צווייטען חודש דעם זיבעצענטען טאָג,
איז נח אין קאַסטען אריין, ווי גאָט'ס פאַרזאָג.
אויך זיין פאַמיליע און אַלע שעפונג צו צוויי.
און גאָט האָט דעם קאַסטען פאַרשלאָסען פאַר זיי.
אַ מבול (אַ פאַרפליייצונג) האָט גאָט געבראַכט,
געגאָסען פערציג מעת לעת טאָג און נאַכט.

## ז

די פענסטער פון הימעל זיינען געוואָרען אָפען,
פון די קוואַלען און אַבגרונדען איז וואַסער געלאָפען.
די וואַסער אויף דער ערד האָבען זיך הויבען גענומען,
איז דער קאַסטען ווי אַ שיף אויפן וואַסער געשוואומען.
די וואַסער איז אויף דער ערד אַזוי הויך געווען,
אַז די שפּיצען פון די בערג, האָבען זיך ניט געזען.
ס'איז אַלעם געוואָרען צושטערט, פאַרפלייצט, פאַרדאַרבען,
די לעבעדיגע פון דער יבשה זיינען אַלע צושטאַרבען.
נאָר נח און די וואָס ער האָט אין קאַסטען געקליבען.
זיי זיינען לעבעדיגע איבערגעבליבען.

## פ

גאָט האָט נח'ן דערמאָנט און געשטילט זיין צאָרן.
איז די וואַסער שטילער און קלענער געוואָרען.
פון יעדער טאָג האָט אַלץ די וואַסער געפעלט,

אויף דעם בארג אררט האט זיך דער קאסטען געשטעלט.
נח האט געעפענט פון פענסטער א שויב,
און האט פון קאסטען ארויסגעשיקט א טויב.
ער האט געוואלט וויסען, צי אין דרויסען איז שענער?
צי די וואסער איז געווארען ווינציגער און קלענער?
די טויב איז געפלויגען נעבען קאסטען ארום,
ניט געהאט וואו זיך שטעלן, וואסער אומעטום.
די טויב איז צוריק צום פענסטער געקומען,
האט נח זי צוריק אין קאסטען גענומען.
אין זיבען טעג ארום האט ער זי ווידער געשיקט,
וויסען וואס הערט זיך האט אים געדריקט.
די טויב איז געקומען צום קאסטען פארנאכט,
און א גרינעם בלעטעל אין איר מויל געבראכט.
ער האט אבגעווארט נאך א טאג זיבען,
און האט ווידער די טויב פון קאסטען געטריבען.
זי איז שוין ניט געפלויגען צוריק צו איר ארט,
אין דרויסען געפונען וואו שטעלען זיך דארט.
האט נח די פענסטער געעפענט און באקוקט ארום.
האט ער דערזען עס איז טרוקען אומעטום.
האט ער דאן געעפענט פון קאסטען די טיר,
און אלעמען ארויסגעלאזען פון איר.
באדאנקען גאט דערפאר האט נח באטראכט,
האט ער א מזבח געבויט, און קרבנות געבראכט.
פון דעם קרבן וואס געבראכט האט נח,
האט גוט געשמעקט גאט דער ריח נחוח.
זאגט גאט: — איך וועל ניט שילטען די ערד מער,
צוליב דעם מענשען, ווי געטאן ביז אהער,
באשטימט זאלען זיין די צייטען אין דער וועלט,
זומער און ווינטער, ווארעמקייט און קעלט. —
גאט בענשט נח'ן און זאגט: — איך מאך א בונד מיט דיר,

קיין מבול זאל מער ניט זיין, האסט א שבועה פון מיר,
אז עס וועט זיך ווייזען פון א רעגענבויגען א שיין,
איז דאס א צייכען אז מער וועט קיין מבול ניט זיין.
נח האט געלעבט ניין הונדערט פופציג יאר.
ער איז געשטארבען, איז געקומען א נייער דור.

## ח

אויפגעשטאנען א דור מיט פארברעכער א סך,
אלע מיט איין לשון, אלע מיט איין שפראך.
אין לאנד „שנער" געפונען פאר זיך אן ארט,
און אלע צוזאמען באזעצט זיך דארט.
האבען זיך גע'עצה'ט איינער מיט'ן צווייטען:
וואס זאל מען טאן גאט זאל זיי ניט צושפרייטען.
האבען געבויט א שטאט, און א טורעם א הויכען,
אז גאט'ס האנט זאל זיי דארטען נישט דערגרייכען.
— איך וועל ארפגיין זען, — האט גאט באטראכט, —
די שטאט און דעם טורעם וואס זיי האבען געמאכט.
גאט זאגט: — ס'איז איין פאלק מיט איין שפראך,
פאר זיי וועט ניט צו שווער זיין קיין זאך.
איז גאט ארפגעגאנגען און זייער שפראך צומישט,
איז זייער גאנצע ארבעט געווארען צו נישט.
די שטאט מיט דעם טורעם, איז אין מיטען געבליבען,
איבער דער גאנצער וועלט האט גאט זיי צעטריבען.
דארום האט מען בבל גערופען יענעם ארט,
ווייל זייער שפראך איז צומישט געווארען דארט.
פון נח'ן איז נאך צען דורות פארגאנגען *)
איז א נייער שטערען אויף דער וועלט אויפגעגאנגען.

---

(*) שם, ארפכשד, שלח, עבר, פלג, רעו, שרוג, נחור, תרח, אברהם.

ביים געצענדינער תרח איז געבאָרען אַ זון,
וואָס האָט באַלויכטען די וועלט, ווי די ליכטיגע זון.
דעם זונ'ס נאָמען איז אברם געווען,
ער האָט דער ערשטער די גאָטהייט דערזען.
תרח האָט געהאַט נאָך צוויי זין, נחור און הרן.
תרח פאַרלאָזט אור כשדים און אַוועק אין חרן.

פפפ

# לך לך

## ט"

גאָט זאָגט צו אברם: — פאַרלאָז דיין פאָטערס געצעלט,
נעם דיין פרוי שרי און גייט איבער דער וועלט.
איך וועל דיך בענשען, דיין נאָמען וועט זיין גרוים.
אַ גרויסע באַפעלקערונג פון דיר וועט אַרויס.
אברם האָט זיין פרוי און זיין פלימעניק לוט גענומען,
און איז מיט זיי אין דער לאַנד כנען געקומען.
זאָגט גאָט: — אָט די לאַנד, וואוהין איר זייט אריין,
איז צו דיר מיט דיינע קינדער וועט זי זיין.
אברם גלויבט אין גאָט, זיינע רייד געטרויט,
האָט ער צו גאָט אַ מזבח געבויט.
אין כנען איז דאַן געוואָרען אַ הונגער אַ שרעק,
איז ער פון דאָרטען אין מצרים אַוועק.
אין מצרים האָט אים געטראָפן אַ צרה,
דער קעניג האָט צוגענומען זיין פרוי שרי.
נאָר דער קעניג האָט געהאַט זיין שטראָף אויף גיך,
און געמוזט אָפּלאָזען די פרוי פון זיך.
און גאָט געבעטען ער זאָל אים פאַרגעבען.
אין אברם'ען האָט ער פיל מתנות געגעבען.

אברם האט צוגענומען זיין פרוי שרי צוריק,
אוועק פון מצרים מיט רייכטום און גליק.
לוט, וואס איז געגאנגען מיט אברם צו גלייך,
איז דורך דעם אויך געווארען גליקליך און רייך.
זיי האבעןביידע געהאט פיל פי אן א צאל,
פלעגען זייערע פאסטוכער זיך קריגען אלע מאל.
זאגט אברם צו לוט'ן: — עס איז פון אונז ניט פיין,
אז צווישען פריינד זאל קריג שטענדיג זיין.
עס איז פאר אונז גלייכער מיר זאלען זיך צעשיידען,
אויב דער ארט איז קליין און איינג פארביידען.
אז דו וועסט אוועקגיין רעכטס פון מיר,
וועל איך אבטרעטען לינקס פון דיר.
לוט האט דעם געגענט פון ירדן באקוקט,
און האט זיך נאענט צו סדום צוגערוקט.
כאטש די שטאט סדום איז זינדיג און שלעכט,
נאר דער ארט איז גוט פאר פי, איז שוין רעכט.
אברם האט זיך ניט גערירט פון זיין ארט,
אין דער לאנד כנען געבליבען זיצען דארט.
אז לוט האט פון אברם אבשייד גענומען,
איז גאט צו אברם רעדען געקומען.
גאט זאגט: — אברם, באקוק די לאנד ארום,
אין מזרח און מעריב, צפון און דרום,
אין דער לענג און דער ברייט, אין אלע זייטען,
וועט זיין דיינס און די קינדערס אויף אלע צייטען.
פון די זאמד פון דער ערד וועלען דיינע קינדער זיין מער,
אז איבערציילען זיי וועט זיין זייער שווער.
אברם האט אין חברון צו גאט א מזבח געשטעלט,
זיך דארטען באזעצט און געבויט א געצעלט.

פ

ו

אין סדום, וואו לוט איז געזעסען ניט ווייט,
איז א מלחמה געוואָרען אין יענער צייט.
די שטאָט סדום און עמורה האָבען א מפלה באַקומען,
און מ'האָט לוט'ן א געפאַנגענעם גענומען.
אַז לוט איז געפאַנגען, האָט אברם דערהערט.
(צו רעטען זיין פריינד, האָט ער קיין סך ניט געקלערט).
גענומען זיינע קנעכט אין מיטען דער נאַכט,
און מיט דריי הונדערט מענשען געלאָפען צום שלאַכט.
העלדיש האָט אברם, געשלאָגען דעם פיינד,
האָט געראַטעוועט לוט'ן מיט אַלע זיינע פריינד.
יעדער האָט זיין פאַרמעגען צוריק בעקומען,
אברם האָט פאַר זיך, גאָרנישט גענומען.
זאָגט דער מלך סדום: אברם, די מענשען גיב מיר
און די גוטס קענסטו זיך נעמען צו דיר.
זאָגט אברם: איך שווער, איין פאָדים ניט נעמען פון אייך,
איהר זאָלט ניט זאָגען — איהר האָט מיך געמאַכט רייך!
גאָט ווייזט זיך צו אברם, א צווייטען מאָל
און זאָגט איהם — דיין שכר*) איז פיל אָהן א צאָהל.
זאָגט אברם — וואָס וועט מיר געבען, דער צוזאָג דיינער
אַז מיין הויז-קנעכט וועט זיין, דער יורש מיינער!
זאָגט גאָט — האָב ניט קיין צער דערפון.
דיין יורש וועט זיין, דיין אייגענער זוהן!
גיב נאָר א קוק אויפ'ן הימעל, קענסטו צעהלען די שטערען?
אַזאַ גרויסע צאָהל, וועלען דיינע קינדער ווערען.
פון אור כשדים האָב איך דיר אָהער געבראַכט,
אויף דער לאַנד כנען, דיך פאַר א יורש געמאַכט.

---

(*) בעצאָהלט.

זאָגט אַברם — איך גלויב אין די רייד דיינע,
נאָר מיט וואָס פאַרדין איך, די לאַנד זאָל זיין מיינע?
מיט אַמאָל איז די זון אַראָפּ, געוואָרען פינסטער ווי נאַכט.
אַ שרעק און אַ שלאָף, האָט דאָס אויף אַברם געבראַכט.
זאָגט גאָט — פיר הונדערט יאָהר וועלען דיינע קינדער זיין
שקלאַפען אין מצרים, און ליידען צרות און פיין.
נאָר זייערע דריקער וועלען קריגען זייער לוין.
און דיינע קינדער וועלען מיט פיל גוטס אַרויסגעהן.
אַ בונד מאַך איך מיט דיר, האָסט אַ שבועה פון מיר,
אַז די לאַנד כנען געהערט נאָר צו דיר.
צווישען די קרבנות, וואָס אַברם האָט צושניטען,
איז אַ פאַס פייער דורכגעגאַנגען אין מיטען.
דאָס איז אַ צייכען פאַר אַברם געווען,
אַז גאָט'ס צוזאָג, וועט ווירקליך געשעהן.

## יא

שרי איז שוין געווען אין די עלטערע יאָהרען,
זי האָט נאָך פון אַברם, קיין קינדער געבאָרען.
האָט זי איהר דינסט הגר, איהר מאַן געגעבען,
צוליב איהר וועט זי אויך קינדער דערלעבען.
הגר איז דערפון ביי זיך גרויס געוואָרען,
שרי האָט ביי איהר, דעם כבוד פערלאָרען.
שרי האָט מעהר פון הגר, ניט געקענט פערטראָגען,
האָט זי געמוזט, פון הויז איהר פערייאָגען.
הגר איז פון שרי'ס הויז אַנטלאָפען,
אויפ'ן וועג האָט איהר אַ מלאך געטראָפען.
און געהייסען איהר — זי זאָל זיך צוריק אומקערען,
אין שרי'ס הויז, וועט זי אַ מוטער ווערען.

הגר האָט צו אברם, געבאָרען אַ זוהן.
נאָר ווינציג נחת, האָט געהאַט שרי דערפון.

פּ

ניינציג יאָר איז אַלט געוועזן אברם,
האָט גאָט געביטען זיין נאָמען אויף „אברהם"
און זאָגט אים אָן, דו זאָלסט מיין בונד היטען,
דו מיט דיינע קינדער זאָלט איר זיין באַשניטען,
פון געבורט דעם אַכטען טאָג, זייט זיך מל גלייך,
דאָס וועט אַ צייכען זיין צווישען מיר און אייך,
דער וואָס וועט ניט הערען און וועט מיין בונד פאַרשטערען
זאָל ער פון מיין פאָלק אויסגעמעקט ווערען.
שרי פון היינט אָן שרה וועט מען רופען איר,
און אַ זון צו דער עלטער געבאָרען וועט זי דיר. —
אברהם פאַלט אויף זיין פנים און שמייכעלט דערפון,
איך בין הונדערט יאָר און זי ניינציג, וועט זי געבאָרען אַ זון?
זאָל כאָטש ישמעאל, פאַר דיר בלייבען לעבען —
זאָגט גאָט — נאָר פון שרה'ן אַ זון וועל איך דיר געבען.
און רופען זאָלסטו אים „יצחק" ווייל דו האָסט געלאַכט דערפון,
און ישמעאל'ן וועל איך פאַר אַ פאָלק מאַכען, ער איז דיין זון.
אין יענעם מיטען טאָג האָט אברהם געמאַכט צורעכט,
מל געוועזן זיך און ישמעאל און אַלע זיינע קנעכט.

פּפּפּ

# וירא

## י"ב

גאָט וויזט זיך צו אברהם (עס איז אַ הייסער טאָג געוועזן)
זיצענדיג אין טיר האָט ער דריי מענשען דערזען.
אברהם איז געלאָפען אַנטקעגען זיי אויף גיך.

און פארבעטעט די מענשען אין הויז צו זיך.
שרה'ן האט ער געהייסען באקען פרישע ברויט,
אליין געשלאכט א רינד, פלייש צוגעגרייט,
פוטער און מילך אויך מיטגעבראכט
און דאס אלעס צום טיש, פארטיג געמאכט.
אונטער א בוים זיינען די מענשען געזעסען,
אברהם האט דערלאנגט און זיי האבען געגעסען.
— וואו איז דיין פרוי שרה? — פרעגען די מענשען,
זי וועט א זון האבען, וועלען מיר איהר בענשען. —
אין א יאר ארום אז מיר וועלען קומען צו דיר, —
(שרה דערהערט דאס, זיצענדיג אונטער'ן טיר).
זי האט אנגעהויבען לאכען, קוקענדיג אויף זיך,
— איך וועל א זון האבען? אזוי אלט בין איך!
זאגען די מענשען, זאל שרה ניט לאכען,
ווען גאט וויל אזוי קאן ער עס מאכען.
אין א יאהר ארום אז מיר וועלען זיך אומקערען
וועט דיין פרוי שרה א מוטער פון א זון ווערען.

פ

די מענשען זיינען אוועק אין סדום צו לוט'ן,
און אברהם איז געגאנגען די מענשען באגלייטען.
גאט זאגט — ווי קאן איך פון אברהם פארהיילען,
איך זאל וואס טאן און אים ניט דערציילען?
די זינד פון סדום איז זייער גרויס, זאגט גאט,
איך רעכען איבערקערען די זינדיגע שטאט.
זאגט אברהם צו גאט — ביי מיר איז דאס קשה *)
דו זאלסט שטראפען דעם צדיק, גלייך מיט'ן רשע?
פיללייכט וועט זיך געפינען פופציג צדיקים דארט.

*) שווער צו פארשטיין.

ווענסטו צוליב זיי ניט מוחל זיין דעם גאנצען ארט ?
דו וועלט ריכטער ! איז דאס דער משפט דיין
אז פון צדיק ביז'ן רשע זאל קיין אונטערשייד זיין ?
—זאגט גאט—געפין איך פופציג צדיקים וועל איך פארגעבען,
צוליב זיי וועל איך דעם גאנצען ארט לאזען לעבען.
— זאגט אברהם — איך וואלט וועלען רעדען פאר דיר א סך,
נאר איך בין דאך מער ניט ווי שטויב און פראך !
זאג מיר גאט — אויב פון די פופציג וועט פינף פעלען,
איז צוליב די פינף ווענסטו דיין גזר ניט אפשטעלען ?
— זאגט גאט — איך בין א גאט פון רחמים, גוט הערציג !
איך בין זיי מוחל אז איך געפין פינף און פערציג.
אברהם האט גאט געבעטען ביז צען,
נאר אין סדום איז איינער אויך ניט געווען !

יג

פארנאכט זיינען די מענשען געקומען אין סדום,
קיינער האט זיי ניט פאררופען צו זיך אהיים,
אז לוט האט די מענשען פון ווייטען דערזען,
(און ער איז דאך פון אברהם'ס משפחה געווען),
האט ער זיי גערופען צו זיך אויף בא נאכט,
האט ער פאר זיי א מאלצייט געמאכט,
איידער די מענשען האבען זיך געלייגט שלאפען,
זיינען די מענשען פון סדום, צו לוט'ס הויז אנגעלאפען,
האבען געשריען, געוואלדעוועט, געריסען די טיר,
— גיב ארויס די מענשען וואס זיינען געקומען צו דיר !
לוט איז ארויס בעטען זיי, נאר זיי האבען ניט געהערט,
שרייען און רייסען די טיר, ניט אויפגעהערט.
זיי האבען צו לוט'ן געשריען מיט צארען,
— א גר ביזטו דא, און דו ביזט א שופט געווארען !
די מענשען (די געסט) האבען געכאפט לוט'ן אויף גיך,

און האָבען אים אין הויז אַריינגענומען צו זיך.
און די סדום-מענשען וואָס זיינען דאָרט געווען,
זיינען בלינד געוואָרען און די טיר ניט געזען.
לוטן האָבען זיי געהייסען אַנטלויפען, ס'זאָל ניט געווערען,
ווארום זיי מוזען באַלד די שטאָט איבערקערען.
לוט לויפט זאָגען די איידעמס, די מענער פון זיינע טעכטער,
האָבען די איידעמס געמאַכט פון אים אַ געלעכטער,
די מענשען האָבען לוט'ן געטריבען אַנטלויפען וואָס גיכער,
ווארום ער איז דאָ מיט זיין לעבען ניט זיכער.
לוט האָט זיך פאַרזאַמט (ער האָט זיין גוט'ס געקליבען),
האָבען זיי אים מיט גוואַלד, פון הויז פאַרטריבען,
און אָנגעזאָגט זיי — אַנטלויפט גיכער גאַנץ ווייט,
און קערט זיך ניט אָפּ, קוקען אָן אַ זייט.
אַז די זון איז אַרויס האָט גאָט גערעגענט
אויף סדום און עמורה און אויף דעם גאַנצען געגענט.
עס האָט גערעגענט, מיט שוועבעל און פייער,
שטיקער ערד אין דער הויך געוואָרפען אומגעהייער,
איבערגעקערט די שטעט פון יענעם אָרט,
חרוב געמאַכט אַלעס וואָס וואָס געפינט זיך דאָרט.
לוט'ס ווייב האָט געכאַפּט הינטער זיך אַ בליק,
איז געוואָרען פון איר זאַלץ אַ שטיק!
לוט האָט זיך באַזעצט אין הייל מיט זיינע טעכטער,
איז ער פאַרבליבען אויף לייטישע געלעכטער!
לוט'ס טעכטער האָבען צוויי זין געבאָרען,
צוויי פעלקער „עמון און מואב", איז פון זיי געוואָרען.
אברהם האָט עס געזען, פון אָנפאַנג ביז גאָר,
און פון דאָרטען אַוועק און באַזעצט זיך אין גרר,
ווי אין מצרים מיט אברהם, איז אין גרר אויך געשען,
ווי די געשיכטע מיט פרעה'ן, איז מיט אבימלך געווען,

נאַר אבימלך האָט אברהם׳ן פון גרר ניט געטריבען
ער איז דאָרטען אין גרר וואוינען פאַרבליבען.

## יד

גאָט האָט שרה׳ן דערמאנט ווי ער האָט געזאָגט,
צו נײַנציג יאָהר האָט זי שוין אַ זון פאַרמאָגט.
אברהם רופט דעם זון „יצחק“, ווייל שרה האָט געלאַכט,
אויף דעם אַכטען טאָג האָט ער זיין ברית געמאַכט.
זאָגט שרה — ווער האָט דאָס געקאָנט גאַר קלערען ?
אַז אויף מיין עלטער, זאָל איך אַ מוטער ווערען ?
צו יצחק׳ס איינטוויינונג, האָט אברהם אַ באַל געמאַכט,
און ישמעאל האָט פון יצחק׳ן שטענדיג געלאַכט.
שרה האָט זיך זייער געערגערט דערפון,
הייסט זי אברהם׳ן אַרויסטרייבען דער דינסט מיט איר זון,
— ער וועט מיט יצחק׳ן מיין זון, קיין יורש ניט זיין !
די ווערטער זיינען אברהם׳ן אין האַרצען אַריין.
זאָגט גאָט צו אברהם׳ן — האָב דערפון ניט קיין לייד,
וואָס שרה וועט זאָגען, הער צו אירע רייד
אברהם האָט הגר׳ן און ישמעאל איר זון באַלייט,
געגעבען זיי אויפ׳ן וועג אַ לאָגעל וואַסער מיט ברויט.

## פ

הגר און ישמעאל זיינען אין מדבר פאַרגאַנגען,
באַ זיי איז די וואַסער פון לאָגעל אויסגעגאַנגען,
האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס קינד אונטער אַ בוים אָן אַ זייט,
און אַליין זיך געזעצט קוקען פון דער ווייט.
זי האָט געקלערט, זאָלען מיינע אויגען ניט זעען
דעם אומגליק, וואָס מיט מיין קינד וועט געשעען.
גאָט האָט דערהערט די געוויין פון דאָס קינד,
אין אַ מלאך געקומען צו הגר׳ן געשווינד,

און זאָגט איר — הויב אויף דיין קינד און גיי,
גאָט האָט צוגעהערט, דאָס קינד'ס געשריי.
זי האָט אויפגעהויבען די אויגען האָט זי דערזען
אַ ברונעם, פון ווייטען, פול מיט וואַסער געווען.
זי איז געלאָפען שנעל און וואַסער אנגעשעפט,
אַנגעטרונקען דאָס קינד, האָט ער ווייטער אָפגעלעבט.
זיינען געזעסען אין מדבר יאָרען און טעג,
ישמעאל פאַרברייננגט זיין צייט אין פעלד אויף געיעג.
אברהם האָט אין באר שבע געבויט אַ געצעלט,
באַקאַנט געמאַכט גאָט'ס נאָמען אויף דער וועלט.

## טו

## עקדת יצחק

גאָט פרואווט אברהם'ן אין אַ צייט אַרום,
זעען צי איז ער, גאָט פאַרכטיג און פרום?
זאָגט גאָט, נעם דיין זון יצחק, דער געליבטער בא דיר,
און ברייננג אים אויפ'ן באַרג מוריה, אַ קרבן צו מיר —
אברהם איז גאַנץ פרי אויפגעשטאַנען,
אליין געגומען זיין עזעל איינשפאַנען.
גענומען זיין זון יצחק און קנעכט זיינע צוויי
אויך געשפאָלטענע האָלץ איז אַוועק מיט זיי.
דעם דריטען טאָג דערזעט ער דעם אָרט פון ווייט,
זאָגט ער די קנעכט — איר בלייבט דאָ אויף אַ צייט,
און איך וועל גיין, נאָר מיט דעם יונג אליין,
בוקען זיך צו גאָט און צוריק קומען צוגיין.
יצחק'ן האָט ער געגעבען די האָלץ זאָל ער טראָגען,
וואוהין זיי גייען האָט ער ניט געוואָלט זאָגען,
די פייער מיט'ן מעסער האָט ער געטראָגען אליין,
יצחק קוקט דאָס אָן און קאָן ניט פאַרשטיין,

פרעגט ער דעם פאטער, — איך בעט דיך זאג מיר,
דו האסט פייער, האלץ, וואו איז די שאף א קרבן בא דיר?
זאגט אברהם — גאט וועט שוין ווייזען ליבער זון מיינער,
ווער וועט די שאף פאר א קרבן זיין זיינער.
זיי זיינען געקומען, צו דעם באשטימטען ארט,
אברהם האט אויפגעבויט א מזבח דארט.
די האלץ געמאכט גרייט, דער פייער ער ברענט,
געבונדען יצחק'ן די פים מיט די הענט,
אויף די האלץ פון אויבען יצחק'ן צעשפרייט,
גענומען דעם מעסער קוילען געווען גרייט,
א מלאך פון הימעל רופט אברהם'ען געשווינד,
האלט אפ דיין האנט, ניט קוילע דאס קינד!
א גאט'ס פארכטיגער ביזטו, ווײס איך דערפון,
דו האסט פאר מיר געאפפערט דיין זון.
אברהם זעט פון ווייטען א באראן שטייט,
מיט די הערנער אין די צווייגען געווען פארדרייט,
דעם באראן האט ער צום מזבח געבראכט,
פאר יצחק זיין זון אים פאר א קרבן געבראכט.
פון א מלאך פון הימעל הערט זיך ווייטער א קול,
ער רופט אברהם'ען א צווייטען מאל,
און גאט זאגט — אברהם, איך גיב מיין שבועה צו דיר,
דערפאר, וואס דו האסט געאפפערט דיין זון פאר מיר,
דיינע קינדער וועלען זיין פיל ווי זאמד, ווי שטערען,
יורשים פון זייערע געגנער וועלען זיי ווערען,
ארבען וועלען זיי די שטעדט פון דעם פיינט,
ווייל דו האסט צוגעהערט צו מיין שטימע היינט.
אברהם מיט זיין זון יצחק זיינען געגאנגען צוריק,
געגאנגען אהיים מיט פרייד און גליק!

**(ט"ז) פפפ**

# חיי שרה

אין חברון האט שרה געענדיגט אירע יארען,
הונדערט צוואנציג זיבען יאר איז איר געווארען.
אברהם האט זיין פרוי שרה באוויינט, באקלאגט,
און געקומען צו די בני חת האט זיי געזאגט:
— איך פארלאנג פון אייך די טובה צו האבען,
געבען מיר א שטיקעל ערד מיין טויטען באגראבען.
ענטפערען די בני חת, קיינער וועט דיר ניט אנטזאגען
געבען דיר א שטיקעל ערד, די בעסטע, וואס מיר פארמאגען.
זאגט אברהם — איך בעט אייך זאגט עפרון בן צוחר,
אז אויף דער מערת המכפלה בין איך א סוחר!
זאגט עפרון — מיין האר, אויב דו ועסט מיר הערען,
זאל די פעלד צו דיר אן געלט געהערען.
זאגט אברהם — איך וועל אומזיסט ניט נעמען בא דיר,
זאג מיר בעסער וויפיל ווילסטו פאר איר?
זאגט עפרון — פיר הונדערט שקל איז ווערט דער ארט,
באצאל די געלט און באגראב דיין טויטען דארט.
אברהם האט עפרונ'ען פיר הונדערט שקל באצאלט,
די גאנצע געלט פיל עפרון האט געוואלט.
איז פארבליבען פאר אברהם די פעלד און די מערה *)
האט ער דארטען באגראבען זיין פרוי שרה!

פ

יז

אברהם אויף זיינע עלטערע יארען,
גאט האט אים געבענטשט איז ער רייך געווארען.
אברהם זאגט זיין קנעכט, — איך פארלאנג פון דיר,

(*) מערה — א הייל.

הויב אויף דיין האַנט, שווערען זאָלסטו מיר,
אַז מיין זון יצחק זאָל ניט הייראַטען אַבי וועמען,
נאָר פון מיין משפחה אַ פרוי פאַר אים נעמען.
זאָגט דער קנעכט צו אים — מיין ליבער הער!
אפשר וועט די פרוי ניט וועלען גיין אַהער?
מעג איך ברייינגען אַהין יצחק'ן דיין זון?
זאָגט אברהם — באַהיט זאָלסטו זיין קלערען גאָר דערפון,
דער גאָט פון הימעל, וועט זיין מלאך שיקען,
אין דער וועג וואָס דו גייסט וועט ער דיר באַגליקען,
און אויב די פרוי וועט אַהער ניט וועלען גיין,
דאַן, ביזטו מיין קנעכט, פון מיין שבועה ריין.
אליעזר דער קנעכט, איז אויף דעם מרוצה געוואָרען,
און ער האָט צו אברהם'ען דארויף געשוואָרען.

פ

אליעזר האָט צען קעמלען און פיל גוטס גענומען
און איז אין דער שטאָט ארם נהרים געקומען.
געשטעלט זיך באַ אַ ברונים פאַרנאַכט אין דערצייט
ווען ס'גייען נאָך וואַסער די שטאָטיגע לייט.
אליעזר באַם ברונים זיצט און קלערט,
— ווער ווייס וועלכע פרוי איז פאַר יצחק'ן באַשערט?
— דו גאָט פון אברהם טו חסד מיט מיין הער,
די באַשערטע פרוי שיק מיר צו אַהער!
איך מיט די קעמלען ביים ברונים מיר שטייען
און די מיידלאַך פון שטאָט נאָך וואַסער זיי גייען.
אַז איך וועל פון איינער אַ טרונק וואַסער פאַרלאַנגען,
וועט זי מיר געבען און די קעמלען אויך דערלאַנגען,
איז דאָס די פרוי, די באַשערטע, קיין צווייפעל ניט מער,
זי איז די ריכטיגע, פאַר דעם זון פון מיין הער. —
עס האָט קיין פולע צייט ניט געווערט,

אליעזר איז נאָך געזעסען און געקלערט,
איז בתואל׳ס טאָכטער צום ברונים געקומען,
און האָט איר קרוג מיט וואסער אָנגענומען.
אליעזר איז באַלד געלאָפען צו איר
און איר געזאָגט — איך פאַרלאַנג אַ טרונק פון דיר,
זי האָט אַראָפּגענומען דעם קרוג פון זיך
און אָנגעטרונקען דעם מענשען אויף גיך.
געלאָפען נאָך אַמאָל צום ברונים ווייטער מיט׳ן קרוג
און אויך די קעמלען אָנגעטרונקען גענוג.
דער קנעכט שטייט, וואונדערט זיך אָן אַ ברעג,
ווייס ניט צי גאָט, האָט באַגליקט זיין וועג?

## יח

וועמענס טאָכטער ביזטו? — פרעגט ער בא איר —
און צי האָט איר אָן אָרט? נעכטיגען פאַר מיר?
— בתואל איז מיין פאָטער, נחור איז מיין זיידע,
פון ארם נהרים זיינען זיי ביידע.
און אָן אָרט איז דאָ, פאַר דיר און פאַר זיי (די מענשען),
אויך פאַר די קעמלען האָבער און היי —
דעם גאָט פון אברהם האָט דער מענש געדאַנקט,
וואָס ער האָט געפונען וואָס ער האָט פאַרלאַנגט.
האָט ער איר געגעבען אַ נאָז-באַנד און בראַסליעטען צוויי.
איז זי מיט שמחה אַ היים געלאָפען מיט זיי.
בא רבקה׳ן איז אַ ברודער „לבן" געווען,
אַז ער האָט אויף רבקה׳ן די צירונג דערזען,
איז לבן באַלד, צום ברונים געלאָפען
און דאָרטען דעם מענשען מיט די קעמלען געטראָפען.
און זאָגט — דו געבענשטער פון גאָט, ווארום זאָלסט
איר דאָ שטיין,
איך האָב אָן אָרט פאַר אייך, צו אונז זאָלט איר גיין.

לבן האָט פאַר זיי אַ מאָלצייט געמאַכט,
פאַר די קעמלען היי און האָבער געבראַכט.
זאָגט דער קנעכט — איך וועל פון אייך ניט פאַרהיילען,
איך וועל ניט עסען, ביז איך וועל אַלץ ניט דערציילען —
ער האָט זיי דערציילט וואָס ער איז געקומען אַהער
— נעמען אַ פרוי פאַר דעם זון פון זיין הער,
און אַלץ האָט פּאַסירט ווי ער האָט געקלערט,
איז אַ צייכען, אַז רבקה, איז פאַר יצחק׳ן באַשערט.
— זאָגט מיר, טוט איר חסד, מיט מיין האַר, צי ניין?
אויב ניט, וועל איך אַנדערשוואו גיין. —
זאָגט לבן און בתואל, — גאָט׳ס ווילען קאָנען מיר ניט שטערן,
זאָל רבקה מיט דיר גיין אַ פרוי פאַר יצחק׳ן ווערען.
אַז אליעזר האָט דערהערט זייערע רייד,
האָט ער גאָט געדאַנקט מיט גרוים פרייד.
רבקה׳ן האָט ער געשענקט צירונג און קליידער,
און זיסע שפּייז געטיילט אַלעמען כסדר.
דער ברודער און מוטער זאָגען — נאָמיר פרעגען איר?
צי וועט זי וועלען גיין יעצט מיט דיר?
זאָגט רבקה איך גיי מיט אים, איך בן גרייט,
האָבען זיי איר אַלע מיט ברכות באַלייט.
אַז זיי זיינען ניט ווייט פון דער היים געוועזן
האָט רבקה פון וויטען אַ יונגען מאַן דערזען,
פרעגט רבקה — ווער איז דער מאַן, וואָס גייט אַהער?
זאָגט אליעזר — דאָס איז דער זון פון מיין הער —
יצחק׳ן זעען דאָ, האָט זי זיך ניט געריכט,
זי האָט זיך פאַרשעמט און פאַרדעקט איר געזיכט.
יצחק האָט רבקה׳ן פאַר אַ פרוי גענומען,
אַ טרויסטונג האָט ער, נאָך זיין מוטער געפונען.
אברהם אין זיינע לעצטע יאָרען,
האָט אים זיין פרוי קטורה קינדער געבאָרען.

די אַלע קינדער האָט ער מתנות געגעבן,
פון זיך זיי צושיקט נאָך פאַר זיין לעבן.
אברהם איז געשטאָרבען אַלט, זאַט מיט יאָרען,
הונדערט זיבעציג פינף יאָר, איז אים געוואָרען,
יצחק און ישמעאל, באַגראָבען אים אין דעם אָרט,
אין מערת המכפלה, וואו שרה ליגט דאָרט.

פפפ

# תולדות

## י״ט

דאָ ווערט דערציילט וואָס האָט פּאַסירט:
מיט אברהם׳ס זון יצחק, ווי ער האָט זיך געפירט.
צו פערציג יאָר איז זיין הייראַט פאָרגעקומען,
בתואל׳ס טאָכטער, לבן׳ס שוועסטער האָט ער גענומען,
רבקה זיין פרוי איז קינדערלאָז געווען,
יצחק האָט איר צער ניט געקאָנט זען,
האָט ער גאָט געבעטען, פאַר איר געמערט,
און גאָט האָט זיין תפילה צוגעהערט.
רבקה האָט דערפילט זי איז קיין קינדערלאָז מער,
נאָר איר שוואַנגערען, איז געווען זייער שווער.
זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטייט,
וואָס זי ליידט שמערצען אַלע צייט.
זאָגט זי — וואָס האָב איך, דאָס באַדאַרפט,
אַז דער שוואַנגערען האָט מיר יסורים פאַרשאַפט.
זי איז אַוועק אין גאָט׳ס הויז פרעגען בא גאָט,
וואָס איז די סיבה, די יסורים וואָס זי האָט,
זאָגט איר גאָט — דו שוואַנגערסט קינדער צוויי
פאַרשיידענע פעלקער, וועלען אַרויס פון זיי.

אײן פֿאָלק מיט׳ן צװײטען װעלען זיך קריגען,
און דער אינגערער װעט דעם עלטערען באַזיגען.
װען רבקה איז ענטבונדען געװאָרען
האָט זי אַ צװילינג, צװײ זין געבאָרען.
דער ערשט געבאָרענער, אַ האָריגער אַ רויטער,
פֿאַר זײן פּיאַטע, האָט אים געהאַלטען דער צװײטער.
עשו, האָט מען גערופען, דעם ערשטען, דעם רויטען,
יעקב — דעם זון, דעם צװײטען.
אַז די קינדער זײנען אַרײן אין די יאָרען
איז עשו, אַ פעלדמאַן, אַ יעגער געװאָרען.
פון זײן פאַנגען געגעבען דעם פאָטער עסען,
און יעקב איז שטענדיג אין הויז געזעסען.
יצחק האָט ליב געהאַט עשו דעם רויטען,
און רבקה האָט געליבט יעקב דעם צװײטען.
עשו קומט פון פעלד, פאַרמאַטערט געװען,
אַז יעקב קאָכט „לינזין״ *) האָט ער דערזען.
זאָגט ער — גיב מיר פון די רויטע אָנזופען זיך,
פאַרמאַטערט און הונגעריג זײער בין איך.
זאָגט יעקב — פאַרקויף די „בכורה״ צו מיר,
װעל איך די רויטע זופ עסען געבען דיר.
זאָגט עשו — װאָס באַדאַרף איך, די בכורה?
זי איז פאַר מיר גאָר ניט קײן סחורה!
ער האָט זיך פון דער בכורה אויסגעלאַכט,
און האָט מיט יעקב׳ן אַ מסחר געמאַכט,
עשו האָט זיך אָנגעגעסען מיט לינזען צוזאַט,
יעקב האָט פאַר דעם די בכורה געהאַט!

---

*) לינזען — איז אַ מין אַרבעס, פון זײ װערט רויט די זופ.

## כ

ס'איז געוואָרען אַ הונגער אין יענעם אָרט.
גייט יצחק אין „גרר", און באַזעצט זיך דאָרט.
מיט יצחק'ן האָט אין גרר געשען...
וואָס מיט אברהם'ען איז אין מצרים געווען.
גאָט בענטשט יצחק'ן זיינע קינדער זאָלען זיך מערען,
פילע זאָלען זיי זיין ווי אין הימעל די שטערען.
ווי איך האָב דיין פאָטער אברהם געשוואָרען,
ווייל ער איז געהאָרכזאַם געווען אַלע זיינע יאָרען.
אַלעס וואָס איך האָב געזאָגט האָט ער געהערט,
מיין תורה, מיינע מצוות, קיין מאָל פאַרשטערט.

## פ

גאָט האָט יצחק'ן געבענטשט ער איז געוואָרען רייך,
קיינער פון די פלישתים איז אים ניט געווען גלייך.
דאָס האָט די פלישתים זייער פאַרדראָסען,
וואָס יצחק האָט באַ זיי פיל גוט'ס גענאָסען.
איז אַלע ברינעמער וואָס יצחק האָט געגראָבען,
האָבען זיי פאַרשטאָפּט ער זאָל קיין וואַסער ניט האָבען.
— גיי אַוועק — זאָגען זיי, — די ביזט פאַר אונז רייכער,
אַז דו וועסט אַוועקגיין, וועט זיין פאַר דיר גלייכער.
אבימלך האָט זיך מיט אים געקריגט,
און האָט אים פון דאָרט אַרויסגעשיקט.
יצחק פאַרלאָזט זיי און אַוועק פון דאָרט,
אין „באר שבע", געפינען אַן אָרט.
אין אַ צייט אַרום האָט אבימלך באַקלערט,
אַז ער איז מיט יצחק'ן באַגאַנגען זיך שלעכט,
האָט ער זיין פריינד „פיכל" גענומען,
און אין באר שבע, צו יצחק'ן, געקומען.

— וואס זייט איר געקומען? — האט יצחק זיי געזאגט,
איר האט דאך מיך, פון אייער לאנד פאריאגט!
זאגט אבימלך — מיר האבען געזען, אז גאט איז מיט דיר,
שלום שליסען מיט דיר פארלאנגען מיר.
מיר האבען זיך מיט מיט דיר מיט גוטען געפירט,
קיין שלעכטס געטאן, דיך ניט אנגערירט,
דו געבענטשטער פון גאט! דו זאלסט מיר שווערען,
פון איצט אן גוטע פריינד זאלען מיר ווערען.
יצחק האט פאר זיי אמאלציים געגרייט,
און האט זיי מיט פרידען אהיים באלייט!

## כא

יצחק אין זיינע לעצטע יארען,
זיינען די אויגען בא אים טונקעל געווארען.
יצחק האט גערופען זיין זון עשו צו זיך,
זאגט עשו — איך בין דא וואס באדאפסטו מיך?
זאגט יצחק—איך בין אלט, איך ווייס ניט פיל איז מיין לעבען,
וויל איך פאר מיין טויט מיין ברכה דיר געבען,
נעם דיין בויגען גיי אין פעלד אריין פאנגען,
מאך מיר גוטע שפייז און ווערסט מיר דערלאנגען,
גוטע שפייז וועלכע איך ליב, וועל איך עסען דערפון,
וועל איך פאר מיין טויט בענשען דיך מיין זון! —
רבקה האט זיך דערוואוסט פון יצחק'ס רייד,
און געזען ווי עשו איז אין פעלד געלאפען מיט פרייד,
האט זי גערופען איר זון יעקב צו זיך,
און הייסט אים, ער זאל לויפען אויף גיך,
מאכען אלעס פארטיג עס זאל ניט געווערען,
ביז'ן עשו וועט זיך צוריק פון פעלד אומקערען,
— לויף און נעם פון די שאף ציגעלאך צוויי,
איך וועל צוגרייטען גוטע שפייז פון זיי,

דיין פאָטער וועט עסען ער וועט ניט וויסען,
און דו וועסט די ברכות פון אים געניסען. —
זאָגט יעקב — ווי קאָן איך דאָס טאָן, איך בין אין געפּאַר,
ער וועט מיך דערקאָנען און וועט מיך שילטען דערפאַר,
עשו מיין ברודער איז באַוואָקסען מיט האָר,
ער וועט מיך אָנטאַפּען, אַז גלאַט בין איך גאָר.
זאָגט רבקה — איך נעם די קללות אויף זיך,
טו, מיין זון, ווי איך הייס און לויף אויף גיך.
יעקב איז געלאָפען און האָט אַלעס געבראַכט,
רבקה האָט דאָס אַלעס פאַרטיג געמאַכט,
פון די ציגענע פלייש די שפייז צוגעגרייט,
מיט די פעל האָט זי זיינע הענט און האַלז אַרומגעדרייט,
און אָנגעטאָן אים עשו׳ס געלוסטיגע קליידער,
און געשיקט אים צום פאָטער אין זיין חדר.
— שטיי אויף, מיין פאָטער, איך האָב שפייז געבראַכט דיר,
עס און בענש מיך ווי דו האָסט צוגעזאָגט מיר.
זאָגט יצחק — ווער ביזטו? זון מיינער! —
איך בין עשו דער עלטערער זון דיינער.
זאָגט יצחק, — וואָס ביזטו געקומען אַזוי גיך צוריק?
זאָגט יעקב, — גאָט האָט צוגעשיקט אויף מיין גליק!
— קום נאָר אַהער, איך וועל אָנטאַפּען דיך,
ביזטו דו מיין זון עשו, צו נאַרסטו ניט מיך?
יעקב׳ס הענט איז געוועזן האָריג, האָט ער ניט דערקענט,
און זאָגט, עס איז יעקב׳ס קול און עשו׳ס הענט!
ער האָט געגעסען און וויין אויף טרינקען דערלאַנגט,
און יעקב האָט אים געקושט ווי ער האָט פאַרלאַנגט.
זאָגט יצחק — דער ריח פון דיינע קליידער שמעקט גוט מיר,
ווי די בלומען פון פעלד וואָס וואַקסען אין איר,
און האָט אים באַלד בענשען אָנגעהויבען,
— גאָט זאָל דיר געבען די הימעל-טוי פון אויבען,

און די פעטקייט פון ד'ערד, פיל קאָרען און וויין,
און אויף דיינע ברידער א הערשער זאָלסטו זיין,
די קינדער פון דיין מוטער וועלען זיך בוקען צו דיר,
דיינע בענשער זאָלען ווערען געבענשט פון מיר!

## כב

ווי נאָר יעקב איז ארויס, איז עשו געקומען.
פרעגט בא אים יצחק — פון וואַנעט האָסטו זיך גענומען?
— וואָס הייסט? דיין עלטערער זון עשו בין איך,
עס די שפּייז, איך האָב געבראַכט, בענשען זאָלסטו מיך!
זאָגט יצחק — איך האָב געגעסען איידער דו ביזט אריין,
איך האָב אים געבענשט, געבענשט זאָל ער זיין!
עשו האָט אָנגעהייבען שרייען זייער הויך,
—פאָטער מיינער, בענש מיך אויך!
זאָגט יצחק — דיין ברודער איז געקומען צו מיר,
און האָט צוגענומען די ברכות פון דיר. —
עשו האָט גענומען שרייען מיט א ביטערען קול,
— אָט דער יעקב האָט מיך אָפּגענאַרט צוויי מאָל,
אמאָל אויסגענאַרט די בכורה פון מיר,
און איצט האָט ער אויסגענאַרט די ברכות פון דיר,
האָסטו פאַר מיר קיין ברכה ניט אָפּגעשטעלט?
איז יענע ברכות די איינציגע אויף דער וועלט?
זאָגט יצחק—דיין ברודער איז געבענשט מיט קאָרען און וויין,
און זיינע ברידער זאָלען קנעכט בא אים זיין,
ער וועט תמיד א געוועלטיגער זיין דיינער,
איז מיט וואָס קאָן איך דיר העלפען? זון מיינער!
עשו האָט אויפגעהייבען א געוויין, א געשריי,
— בענש מיר אויך, פאָטער, האָסט ברכות אַלערליי.
זאָגט יצחק— —דיין וואוינונג זאָל זיין אויף פעטע ערד,
דו וועסט דינען דיין ברודער און לעבען מיט דיין שווערד,

אז דו וועסט זיך אויף דיין ברודער באקלאגען,
וועסטו אויכטאן זיין יאך, מער אים ניט טראגען — !
עשו איז געווארען יעקב׳ס א בלוטיגער פיינד,
האט ער זיך בארימט פאר זיינע פריינד,
ווי נאר מיין פאטער וועט די אויגען צומאכען,
וועל איך מיין ברודער יעקב׳ן דעם טויט מאכען.
רבקה רופט איר זון יעקב צו זיך,
און זאגט אים — עשו דיין ברודער טראכט טויטען דיך,
אלזא מיין זון — אנטלויף פון דאנען וואס גיכער,
דו ביזטו דא מיט דיין לעבען ניט זיכער.
לויף צו מיין ברודער לבן, לויף קיין חרן,
ביז עס וועט שטיל ווערען דיין ברודער׳ס צארען.
דאן וועל איך שיקען ברייגנען דיך צוריק,
דיין בלייבען דא איז פאר אייך ביידען אן אומגליק!
צו יצחק׳ן זאגט רבקה, ס׳איז מיר לידען זייער שווער,
פון די טעכטער פון חת, טראגען קען איך ניט מער,
אז יעקב זאל הייראטען פון זייערע טעכטער,
וועט אין גאנצען מיין לעבען זיין א צעשטערטער.
יצחק הייסט יעקב׳ן גיין אין פדן ארם,
און ער זאל ניט הייראטען פון די טעכטער פון חם
בא זיין אנקעל לבן זאל ער א צייט פארבלייבען,
פון זיינע טעכטער א פרוי זיך אויסקלייבען,
בענשט אים ער זאל זיך פרוכפערן און מערען,
אברהם׳ס ברכה זאל אויף אים מקוים ווערען.
יעקב האט געטאן ווי די עלטערען פארלאנגען,
פארלאזט זיין הייב און אין חרן געגאנגען.

פפפ

# ויצא

## כ״ג

יעקב אַנטלויפט פון עשו'ס צאָרען
פאַרלאָזט „באר שבע" און גייט אין חרן.
די זון איז פאַרגאַנגען, ס'איז געוואָרען נאַכט,
האָט ער פון שטיינער זיך אַ געלעגער געמאַכט.
מיד געוועזן פון וועג, פון גאַנצען טאָג גיין,
איז ער איינגעשלאָפען אויף דעם האַרטען שטיין.
אים חלום'ט זיך, אַ לייטער שטייט בײַ זיין קאָפּ,
און מלאכים פון גאָט קריכען אַרויף און אַראָפּ,
פון זיין צוקאָפּען גאָט ווי אַ שומר ער שטייט,
היטען אים, באַשיצען אים, אין וועג וואָס ער גייט.
זאָגט אים — גאָט פון דיינע עלטערען בין איך,
אויף דער וועג וואָס דו גייסט היטען וועל איך דיך,
די לאַנד וואָס דו ליגסט איצט אויף איר,
גיב איך זי איבער אויף אייביג צו דיר,
ניט פאַרלאָזען וועל איך דיך, דיין וועג איז מיט גליק,
בשלום אַהיים וועל איך דיך אומקערען צוריק!
יעקב זאָגט, אַז ער האָט זיך פון שלאָף ערוואַכט,
— אַז גאָט איז אין דעם אָרט, האָב איך ניט געטראַכט,
ווי מורא'דיג איז דער אָרט! גאָט'ס הויז מוז דאָ זיין,
דאָ מוז זיין די טויער אין הימעל אַריין! —
האָט ער דעם שטיין וואָס איז צוקאָפּען געלעגען,
געשטעלט אַ מצבה פון גאָט'ס וועגען,
אויפ'ן שפּיץ פון דעם שטיין געגאָסען אויל,
און יענעם אָרט אָנגערופען „בית אל",
און זאָגט צו גאָט — איך נעם אויף זיך אַ נדר,
אויב דו וועסט מיר געבען ברויט און קליידער,

און מיין וועג וואס איך גיי וועט מיר קיינער ניט שטערען,
און אהיים בשלום וועל איך זיך אומקערען,
איז פון אלעס וואס דו וועסט געבען מיר,
וועל איך א צענטעל איבערגעבען צו דיר! —

## כד

יעקב האט זיך מיט שמחה פון ארט אויפגעהויבען,
פון דער פרייליכער בשורה האט זיך זיין גייסט דערהויבען,
גייענדיג אין וועג האט ער א פעלד געפונען,
דריי סטאדעס שאף שטייען נעבען א ברונען,
אויפ'ן ברונען פון אויבען איז געלעגען א שטיין,
פלעגען אלע פאסטוכער קומען צוגיין,
און אראפקייקלען דעם שטיין פון דארט,
אנטרינקען די שאף און אומקערען אים אויפ'ן ארט.
יעקב פרעגט די פאסטוכער — ברידער, פון וואנעט זייט איר?
ענטפערען זיי — פון חרן זיינען מיר. —
— קענט איר לבן'ען, וואס מאכט ער? —
— מיר קענען אים, באלד קומט זיין טאכטער אהער,
— ווארום זאלט איר אזוי פרי די שאף אהיים טרייבען?
דער טאג איז נאך גרויס, איר קענט פיטערען בלייבען. —
— מיר מוזען זיך קלייבען אראפנעמען דעם שטיין,
מיר וועלען אנטרינקען די שאף און פיטערען גיין. —
רעדענדיג מיט זיי האט ער רחל'ען דערזען.
(זי איז בא איר פאטער א הירטען געווען.)
יעקב איז צום ברונים צוגעלאפען, און ער אליין
האט אראפגענומען פון ברונים דעם שטיין.
יעקב זאגט רחל'ען, — דו ווייסט, איך בין א פריינד דיינער,
דיין פאטער לבן איז אן אנקעל מיינער. —
דערציילען איר פאטער איז רחל געלאפען,
אז זי האט אין פעלד רבקה'ס זון געטראפען.

יעקב איז צו לבן'ען אין הויז געקומען,
לבן האָט אים פריינדליך צוגענומען,
ער איז באַ אים אַ חודש צייט געזעסען,
(יעקב האָט לבן'ס ברויט אומזיסט ניט געגעסען).
זאָגט לבן — אַז איך בין אַ פריינד צו דיר,
באַדאַרפסטו דינען אומזיסט באַ מיר?
זאָג מיר בעסער פיל וואָלסטו ועלען,
דו זאָלסט זיך באַ מיר אַרבעטען אָפּשטעלען?
לבן האָט געהאַט קינדער, טעכטער צוויי,
לאה און רחל, גערופען האָט מען זיי,
לאה איז די גרעסערע און רחל די קלענערע,
רחל איז געווען פאַר לאה'ן אַ שענערע.
זאָגט יעקב צו לבן — זיבען יאָר וועל איך דינען באַ דיר,
דו זאָלסט דיין טאָכטער רחל פאַר אַ פרוי געבען מיר.
זאָגט לבן צו יעקב'ן — איך שטים דערצו איין, *)
איידער געבען זי אַ פרעמדען, זאָל זי דיין פרוי זיין.
יעקב האָט באַ לבן'ען זיבען יאָר געדינט,
די צייט איז געלאָפען באַ אים זייער געשווינד.
זאָגט יעקב — גיב מיר מיין פרוי, עס איז אַריבער די צייט, —
לבן פאַררופט צו זיך פון זיינע לייט,
אַ מאָלצייט אַ שיינעם צו דער חתונה געמאַכט,
נאָר אנשטאָט רחל'ען האָט ער אים לאה'ן געבראַכט.
זאָגט יעקב — לבן וואָרום האָסטו מיר אָפּגענאַרט,
אַנשטאַט רחל'ען האָסטו מיר לאה'ן אַריינגעשפּאַרט. —
זאָגט לבן — באַ אונז טוט מען ניט אַזעלכע זאַכען,
די אינגערע פריער פאַר דער עלטערער חתונה מאַכען,
נאָר שריי ניט, מאַך ניט קיין גרויסען געוואַלד,

(*) לבן־ען איז געפעלען געוואָרען דער פּלאַן,
ער וועט האָבען אַ פאַסטוך, און די טאָכטער אַ מאַן.

איך וועל דיר רחל'ען אויך געבען באַלד,
נאָר איך וועל מיט דיר אויסנעמען אַ תנאי,
זאָלסט נאָך זיבען יאָר דינען פון דאָס ניי.
פון ליבשאַפט צו רחל'ען איז בּאַ אים געווען רעכט,
זיין בּאַ לבן'ען נאָך זיבען יאָר אַ קנעכט,
נאָך זיבען יאָר דינען איז בּאַ אים ניט שווער,
ווייל רחל'ען האָט ער געליבּט פון לאה'ן פיל מער.
אַז לאה איז אַ געפיינדע האָט גאָט איר צער געזען,
האָט זי קינדער געבּאָרען און רחל איז קינדערלאָז געווען.
זי האָט אַ זון „ראובן" דעם ערשטען געבּאָרען,
איז זי דערפון מלאה שמחה געוואָרען,
און זאָגט — גאָט האָט איינגעזען מיין פיין,
יעצט וועל איך בּאַ מיין מאַן אויך געליבּט זיין,
מיט דער צייט האָט זי געבּאָרען נאָך זין דריי, *)
זאָגט זי — היינט וועט מיין מאַן מיר זיין זייער געטריי!

## כה

אַז זי האָט ניט קיין קינדער האָט רחל געזען,
האָט זי איר שוועסטער מקנא געווען,
האָט זי בּאַקלערט טאָן ווי איר עלטער מוטער שרה,
אין דער צייט ווען זי איז געווען אַן עקרה.
זי וועט איר דינסט בלהה פאַר אַ פרוי דעם מאַן געבען,
וועט זי דורך איר קינדער דערלעבען.
בלהה האָט געבּאָרען יעקב'ען זין צוויי,
דן און נפתלי האָט רחל גערופען זיי.
די זעלבע וואָס רחל האָט לאה בּאַטראַכט,
און זי האָט איר דינסט זלפה צו יעקב'ען געבראַכט.

(*) דער ערשטער: „ראובן", דער צווייטער „שמעון", דער דריטער, „לוי", דער פערטער „יהודה".

זלפה האָט צוויי זין גד און אשר געהאַט.
לאה איז מיט פרייד געוואָרען זאַט.
זי האָט אליין געבאָרען נאָך צוויי זין, **) זאָגט זי — נאָך מיין מיינונג,
ווערט יעצט יעקב באַ מיר מאַכען זיין וואוינונג. —
רחל קוקט אויף איר שוועסטער מיט קנאה.
זי האָט געבאָרען זעקס זין און אַ טאָכטער דינה.
האָט גאָט געזען איר צער, איר צאָרען,
האָט זי יעקב'ען אויך אַ זון געבאָרען.
זאָגט רחל — איך וועל שוין צו שאַנדע ניט ווערען,
רופט דעם זון יוסף, — גאָט זאָל מיר נאָך אַ זון מערען. —
אַז יוסף איז געבאָרען, זאָגט יעקב צו לבן זיין שווער —
איך וועל שוין באַ דיר ניט אַרבעטען מער.
גיב מיר אָפּ די ווייבער און קינדער מיינע,
פאַר זיי האָב איך געפיטערט די שאָף דיינע.
איך וועל שוין באַ דיר דאָ מער ניט שטיין,
צו מיינע עלטערען אהיים וועל איך גיין.
גענוג האָב איך שוין געאַרבעט פאַר דיר,
איצט וויל איך אָנהויבען אַרבעטען פאַר מיר. —
זאָגט לבן — זאָג מיר יעקב, פיל וואָלסטו וועלען?
דו זאָלסט זיך ווייטער אַרבעטען אָבשטעלען.
זאָגט יעקב — דו ווייסט דאָך גוט דאָס אַלעס אַליין,
פריער ביזטו געווען זעהר אָרעם, געמיין,
רייך ביזטו געוואָרען זינט איך בין באַ דיר,
גאָט האָט דיך געבענשט נאָר צוליב מיר.
אַז אויב דו ווילסט איך זאָל ווייטער פאַרבלייבען,
זאָלסטו הייַנטיגען טאָג דיינע שאָף איבערקלייבען,
די געפינטעלטע שאָף זאָלסטו לאָזען פאַר זיך,

**) יששכר און זבולן.

און די ווייסע שאָף פּיטערען וועל איך,
אַז באַ די ווייסע וועלען ראַבענקע געבאָרען ווערען,
יענע שאָף זאָלען צו מיר געהערען.
אויב דו וועסט געפינען ניט קיין ראַבע צווישען מיינע,
האָב איך דאָס גע׳גנב׳עט פון דיינע.
זאָגט לבן — זאָל זיין ווי דו זאָגסט אַז דיר איז געפעלען,
דו קאָנסט ווידער באַ מיר זיך אַרבייטען אָפּשטעלען.*).
לבן האָט אַלע ראַבע שאָף פאַר זיינע זין אויסגעקליבען,
די איבעריגע שאָף פּיטערען איז יעקב׳ן געבליבען,
יעקב האָט ראַבינקע שטעקאַלאַך באַקומען,
געשטעלט זיי אין די „קאַרעטעס“ ווי די שאָף טרינקען קומען,
ווען די שאָף פלעגען טרינקען קומען צוגיין
און געקוקט אויף די שטעקעלאַך וואָס דאָרטען פלעגט שטיין,
האָבען די שאָף תמיד ראַבענקע געבאָרען,
פון זיי איז גאַנצע סטאַדעס שאָף געוואָרען.
דער מאַן איז געוואָרען רייך אָן אַ סוף,
מיט קנעכט, דינסטען, קעמלען, אייזלען און שאָף.

## כו

לבן׳ס זין באַרעדען אים, האָט יעקב דערהערט,
— אַז יעקב פון טאָג אַלעס רייכער ער ווערט,
ער האָט אונזער פאָטער אינגאַנצען באַנומען,
דעם גאַנצען פאַרמעגען פון אים באַקומען, —
און לבן׳ס פּנים האָט יעקב געזען,
אַז ער ניט אַזוי מיט אים ווי פריער געווען.
זאָגט גאָט צו יעקב — צו דיינע עלטערען קער זיך אום,
און איך וועל זיין מיט דיר אומעטום.

---

*) לבן׳ען איז גאָרניט אָרויף אויף זיין זינען,
אַז יעקב, דער תם, קאָן אַן עצה געפינען.

האַט יעקב גערופען זיינע ווייבער די צוויי,
רחל און לאה׳ן האַלטען זיך עצות מיט זיי,
ער האַט זיי ביידען ריכטיג ערקלערט,
וואָס ער האָט פון לבן׳ס קינדער געהערט.
— איך האָב אייער פאַטער ערענסט געדינט,
אונזער פּאַרמעגען כשר פאַרדינט,
איך האָב פון אים פיל אויסגעליטען,
ער האַט מיין געצאָלט צען מאָל פאַרביטען,
ווען ניט גאָט פון מיין פאַטער וואָלט מיט מיר געווען,
ווער וויים וואָס מיט אונז וואָלט געשען ?
נעכטען האָט גאָט׳ס מלאך מיר געזאָגט אין חלום,
— יעקב, געה אַהיים, צו דיינע עלטערען בשלום !
האָבען אים געענטפערט רחל און לאה —
אונזער פאַטער האַט בא אונז קיין דעה,
צי האָט ער זיך ווי אַ פאַטער געשטעלט ?
ער האָט אונז פאַרקויפט און אויפגעגעסען דאָס געלט !
איצט ווי גאָט הייסט דיר אַזוי דו טו.
און מיר ביידע זיינען מסכים דערצו !

## כז

יעקב האָט דערוואַרט אַ גוטע צייט,
ווען לבן איז אַוועק פון דער היים גאַנץ ווייט,
ער איז געגאַנגען זיינע שאָף צו שערען,
עטליכע טעג האָט דאָס באַדאַרפט געווערען,
האָט יעקב פאַרנומען זיין גאַנץ פאַרמעגען,
די ווייבער מיט די קינדער צוזעצט אין די וועגען,
רחל האָט איר פאַטער׳ס אָבגאָט באַקומען,
און האָט אים מיט זיך אויך צוגענומען,
אַז יעקב איז אַנטלאָפען האָט מען לבן׳ען אָנגעזאָגט
האָט לבן מיט זיינע פריינט אים נאָכגעיאָגט,

זיי זיינען דריי טעג נאָך אים געלאָפען,
און האָבען אים געבען בארג גלעד געטראָפען.
זאָגט לבן — זאָג מיר יעקב, וואָס איז דאָס מיט דיר,
וואָס האָסטו זיך באַהאַלטען אַנטלויפען פון מיר ?
וואָס פאַר אַ סיבה האָט מיט דיר פּאַסירט,
וואָס דו האָסט מיינע טעכטער ווי געפאַנגענע געפירט,
אַז דו וואָלסט געזאָגט גיין אַהיים איז דיין פאַרלאַנג,
וואָלט איך דיר באַליים מיט טענץ, מיט געזאַנג,
איך זאָל אָנקושען די קינדער האָסט ניט דערלאָזען דערצו.
אה ! ווי נאַריש געפירט האָסטו דו !
גיין אַהיים געגלוסט האָט זיך דיר,
אָבער וואָרום האָסטו גע׳גנב׳עט מיין גאָט בא מיר ? —
זאָגט יעקב —— איך האָב געקלערט ס׳איז צוגלויבען,
דו וועסט בא מיר דיינע טעכטער אָפּרויבען,
און דיין גאָט, ווער באַדאַרף אים, ווער וועט אים דינען ?
זאָל יענער נים לעבען וואו דו וועסט אים געפינען !
לבן האָט דאָרטען איבערגעקערט וועלטען,
איבער געזוכט אין אַלע געצעלטען,
ער האָט אַלע ערטער דאָרטען איבערגעטאַפּט,
און פון זיינע זאַכען גאָר נישט געכאַפּט.
(רחל האָט זיין גאָט אונטער׳ן זאָטעל פאַרקוועטשט,
און פון אויבען אויף אים זיך אַרויף געזעצט).
יעקב איז דאַן אויף לבן׳ען אין כעס געוואָרען,
געקריגט זיך מיט אים און גערעדט מיט צאָרען.
— זאָג מיר, וואָס האָסטו פון דיינע בא מיר געטראָפען ?
וואָרום ביזטו נאָך מיר אַהער געלאָפען ?
צוואַנציג יאָר *) בין איך בא דיר געזעסען,

---

(*) צוואַנציג יאָר — פערצען יאָר פאַר די טעכטער און זעקס יאָר פאַר די שאָף.

דיינע שאָף, דיינע ציגען האָב איך ניט געגעסען,
אַ צוריסענע שאָף האָב איך ניט געבראַכט צו דיר,
אַ שאָף האָט געפעלט האָב איך באַצאָלט פאַר איר,
די היץ באַ טאָג און די קעלט באַ נאַכט,
פאַרוואָגעלט מיין שלאָף מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.
צוואַנציג יאָר באַ דיר אַ קנעכט געווען,
דו האָסט מיין געצאָלט פאַרביטען אַ מאָל צען,
ווען גאָט וואָלט ניט געווען מיט מיר,
מיט ליידיגען וואָלט איך אַוועק פון דיר.
זאָגט לבן — די טעכטער מיט די קינדער,
די שאָף, די קי, די קעמלען, די רינדער,
אַלעס וואָס דו זעסט איז אַלעס מיינע,
היינט גיי האָב צו קינדער אַ טענה!
קום לאָמיר ווערען פון איצט אייביגע פריינד,
אַ בונד פון שלום לאָמיר מאַכען היינט,
אַ קופע שטיינער פאַר אַן עדות געשטעלט דאָרט,
האָבען זיי גל עד אָנגערופען דעם אָרט.
זאָגט לבן — איין עדות איז די קופע שטיינער,
צום שלעכטען זאָל ניט גיין פאַרביי איר קיינער.
האָבען געגעסען, געטרונקען יענע נאַכט,
האָבען צווישען זיך שלום געמאַכט.
לבן איז אַוועק אהיים, מיט גוטען געזעגענט,
יעקב'ן האָבען גאָט'ס מלאכים באַגעגענט.

פפפ

# וישלח

## כ״ח

יעקב שיקט מלאכים זיין ברודער עשו זאָגען:
— ער זאָל אויף אים קיין שנאה ניט טראָגען,

— אומזיסט האָט דיר פאַר די „ברכות" פאַרדראָסען,
איך האָב פון די ברכות גאַרנישט גענאָסען,
ניט די טוי פון הימעל, ניט די פעטקייט פון דער ערד,
נאָר קנעכט, דינסטען, שאָף, אייזלען און פערד. ——
די שלוחים האָבען יעקב'ען אַן ענטפער געבראַכט,
אַז עשו גייט אים אַנטקעגען מיט גרויס מאַכט.
יעקב דערשרעקט זיך ווען די שלוחים דערציילען,
און גענומען זיין גוטס אויף צוויי מחנות צוטיילען,
אַז עשו וועט איין מחנה צעשלאָגען וועט קענען די צווייטע,
אין יענער צייט מאַכען די פליטה (אַנטלויפען).
און גאָט פון זיינע עלטערען האָט ער געבעטען,
פון עשו'ס הענט זאָל ער אים רעטען.
— גאָט פון אברהם און יצחק, די עלטערען מיינע,
איך בין ניט ווערט אַלע חסדים דיינע,
מיט'ן שטעקען אין האַנט בין איך אַריבער די טייך,
און איצט מיט צוויי לאַגערען בין איך געוואָרען רייך,
איך בעט דיך, טו איצט אויך חסד מיט מיר,
דו האָסט מיר צוגעזאָגט איך וועל טאָן חסד מיט דיר!
זיי מיך מציל פון מיין ברודער-עשו'ס הענט,
זיין צאָרען אויף מיר ווי אַ פייער ברענט!
איך האָב מורא פאַר אים ער וועט מיך יאָגען,
און די מוטערס מיט די קינדער אין איינעם צושלאָגען.
דו האָסט מיר געזאָגט — דיינע קינדער וועל איך מערען
ווי די זאַמד פון ים ניט איבערגעציילט ווערען!

## כט

פיל לייכט וועט ער קאָנען אָפהאַלטען עשו'ס הענט. *)

---

(*) יעקב האָט געקאָנט עשו'ן אַז ער האָט שוחד ניט פיינט,
דער מיטעל העלפט אָפט, ניט זעלטען אויך היינט.

האָט ער געשיקט אים אַ גוטען פּרעזענט,
קעמלען, אייזלען, שאָף, רינדער, פי אַלערליי,
אין באַזונדערע סטאַדעס צעטיילט האָט ער זיי.
אָנגעזאָגט די מענשען, אַז עשו וועט זיי פרעגען,
— וועמענס איז דאָס און פון וועמענסטוועגען ?
זאָגט אים, — דאָס שיקט יעקב, עשו זיין הער,
און יעקב אַליין קומט אויך אַהער.
יענע נאַכט ביז עס האָט אָנגעהייבען טאָגען,
האָט יעקב אַלעס איבער'ן טייך אַריבערגעטראָגען,
דערנאָך איז ער פאַרבליבען איינער אַליין,
אין מיטען טייך איז ער דאָרט געבליבען שטיין,
האָט זיך מיט אים אַ מענש געראַנגעלט אַ צייט,
און האָט אים אָבגערוקט אַ ביין פון זיין זייט.
יעקב האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזען דעם מענשען,
ביז'ן וואַנען ער וועט אים דאָרטען בענשען,
ער האָט אים געבענשט און זיין נאָמען פאַרביטען,
פון „יעקב" אויף „ישראל" ווייל מיט אַ מלאך געשטריטען.
יעקב איז אַוועק אַז די זון איז אויפגעגאַנגען,
אָביסעל געהינקעט איז ער געגאַנגען,
ווייל דער מלאך האָט אים אין לאָפּעטקע געגעבען אַ זעץ,
ניט עסען דעם „גיד הנשה" איז בא אידען אַ געזעץ !

ל

יעקב האָט זיין ברודער עשו פון וויטען דערזען,
און פיר הונדערט מענשען זיינען מיט אים געווען,
האָט ער זיין פאַמיליע פון הינטען צעשטעלט,
אַליין געגאַנגען אַ פריער און האָט זיי פאַרשטעלט.
ער האָט זיך געבוקט צו עשו'ן אַמאָל זיבען,
ביז'ן ער איז געקומען צום ברודער דעם ליבען.
יעקב מיט עשו'ן האָבען זיך אַרומגענומען ביידע,

האבען זיך געקושט מיט טרערען פון פריידע,
די ווייבער מיט די קינדער האבען זיך אויך געבוקט,
עשו שטייט פארוואונדערט און האט געקוקט.
פרעגט עשו — די אלע ווער זיינען זיי מיט דיר ?
זאגט יעקב — דאס איז מיינע, וואס גאט האט באזעליגט מיר.
— און ווער איז די מחנה, וואס איך האב געזען נאר וואס ?
— דיר א מתנה, מיין ברודער, געשיקט האב איך דאס !
— איך האב גענוג, מיין ברודער, איך באדארף ניט דיינע. —
זאגט יעקב — איך בעט דיך, נעם צו די מתנה מיינע.
עשו האט פון יעקב'ן די מתנה צוגענומען,
און געבעטען יעקב'ן צו אים זאל ער קומען.
זאגט יעקב — מיר איז שווער גיין אזוי גיך,
מיט קליינע קינדער לאנגזאם גיין מוז איך,
איך וועל שפעטער צו דיר קומען, —
עשו האט פון יעקב'ן אבשייד גענומען,
עשו איז אוועק אין שעיר אויף זיין ארט,
יעקב איז אוועק אין שכם באזעצט זיך דארט,
אין שכם האט ער אויפגעשטעלט זיין געצעלט,
און צו גאט האט ער א מצבה געשטעלט.

## לא

דינה יעקב'ס טאכטער, איז ארויס אויפ'ן שפאציר,
האט זיך אן אומגליק, געטראפען מיט איר,
שכם, חמור'ס זון, האט איר דערזען,
(דער פירשט פון שטאט איז ער געווען)
האט ער זי צו זיך אין הויז פארנארט,
אין א צימער איר פארשפארט.
יעקב האט דערהערט, אז מען האט דינה פארנומען,
האט שטיל געשוויגען, ביז די זין זיינען געקומען.
קומענדיג אהיים, האבען זיי זיך דערוויסט דערפון,

אַז דינה איז פאַרשפּאַרט, באַ שכם חמור׳ס זון,
זיי האָבען שטאַרק באַדויערט וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט,
וואָס יעקב׳ס אַ טאָכטער האָט מען פאַרפירט.
חמור איז געקומען בעטען די ברידער,
זיי מיט זייער פאָטער זאָלען ניט זיין דערווידער.
אייער טאָכטער איז מיין זון שכם זייער געפעלען,
גיט אים זי פאַר אַ פרוי, מיר גיבען אייך, וואָס איר וועט וועלען.
— גיט מיר אייער טאָכטער — זאָגט שכם, טוט מיין ווילען,
וואָס איר פאַרלאַנגט, וועל איך אַלעס ערפילען.
האָבען די ברידער, געענטפערט אים גלייך,
מיר וועלען ערשט ווערען מחותנים מיט אייך,
און אָפּגעבען אונזער שוועסטער, פאַר אַ פרוי צו דיר,
ווען איר וועט אַלע ווערען, באַשניטען ווי מיר.
דאָס איז געפעלען געוואָרען חמור׳ן און שכם,
זיי זיינען ביידע מרוצה געוואָרען אויף דעם,
און אַלע מענשען פון שטאָט האָבען זיך באַשניטען,
איז שמעון און לוי געקומען אויפ׳ן טאָג דעם דריטען,
מיט די שווערדען אין די הענט, דינה׳ס ברידער די צוויי,
און גענומען נקמה, פאַר זייער שוועסטער פון זיי.
חמור׳ן און שכם, גע׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט,
צוגענומען זייער שוועסטער און אַוועק פון דאָרט.
יעקב האָט געשריען אויף זיי דערפאַר —
— איר האָט אויף אונז געבראַכט גרויס געפאַר —
זאָגען זיי — מיר האָבען געמוזט, אַזוי זיך באַגיין,
פאַר אונזער שוועסטער׳ס כבוד, האָבען מיר געמוזט שטיין!

## לב

יעקב הייסט די קינדער אין בית אל גיין,
דאָרטען מאַכען אַ מזבח פון זיין צוקאָפּען שטיין,
צו גאָט וואָס ער העלפט אונז אין די שלעכטע טעג,

און האָט אונז געהיט אויף אונזער וועג.
דבורה, רבקה'ס אַם, ענדיגט דאָרטען אירע יאָרען,
נעבען בית אל אונטער אַ בוים, איז זי באַערדיגט געוואָרען.

פ

גייענדיג פון בית אל פון אפרת ניט ווייט,
איז רחל ענטבונדען געוואָרען אין יענער צייט.
זייער שווער האָט זי געבאָרען דעם זון,
און זי איז באַלד, געשטאָרבען דערפון.
„בן אוני" האָט זי אים אַ נאָמען געגעבען,
ווייל דורך אים האָט זי פאַרלאָרען איר לעבען.
יעקב האָט איר אויפ'ן וועג פון אפרת באַגראָבען.
מען זאָל וויסען איר קבר, ער זאָל אַ סימן האָבען,
האָט ער אויפ'ן קבר אַ מצבה געשטעלט אַ שטיין,
אויפ'ן מיטען וועג שטייט איר קבר אליין.
יעקב האָט געוואַנדערט, נאָר צום לעצט,
האָט זיך אין כנען, מיט זיין פאָטער באַזעצט.*)
צו הונדערט אַכציג יאָר איז יצחק געשטאָרבען,
באַגראָבען אים אין מערת המפלה, וואָס אברהם
האָט ערוואָרבען,
יעקב און עשו באַגראָבען אים, זיי ביידע,
אין מערת המכפלה, וואו עס ליגט אברהם זייער זיידע.

# וישב

## לג

יעקב איז אין כנען, שוין רואיג געזעסען,
(אויף אַמאָליגע צרות האָט ער שוין פאַרגעסען,

*) ער און זיינע צוועלף זיהן: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולן, דן, נפתלי, גד און אשר, יוסף און בנימין.

האָט זיך אָנגעהויבען צרות מיט יוסף זיין זון,
לאַנגע יאָרען האָט ער געליטען דערפון).
אַז יוסף איז זיבעצען יאָר אַלט געווען,
האָט מיט אים אַן אומגליק געשען.
ער האָט געפיטערט שאָף מיט די ברידער זיינע,
ער פלעגט דערציילען אויף זיי, מעשים ניט פיינע.
דער פאָטער האָט אים געליבט אומגעהייער,
מער ווי אַלע זין געהאַלטען אים טייער.
שענער פאַר אַלע זין אים געקלדייט,
אַ זיידענע העמדעל אים אויפגענייט.
די ברידער׳ס צאָרען האָט אויפגעברענט,
רעדען מיט שלום, מיט אים ניט געקענט.
אַמאָל איז ער צו די ברידער געקומען,
דערציילען פאַר זיי אַ חלום גענומען:
— מיר שטייען און בינדען גאַרבען אין פעלד
האָט זיך מיין גאַרב געשטעלט ווי אַ העלד,
איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט,
ווי אייערע גאַרבען האָבען זיך צו מיינע געבוקט —
זאָגען די ברידער — דו מוזט געווים קלערען,
אַז דו וועסט אויף אונז אַ געוועלטיגער ווערען! —
ווי אַ פייער האָט געברענט זייער צאָרען,
און די שנאה צו אים, איז נאָך גרעסער געוואָרען.
ער האָט נאָך אַמאָל דערציילט די ברידער,
אַז אים האָט זיך געחלומט ווידער,
(דערציילט זיי, אַז דער פאָטער זאָל אויך הערען),
— אַז די זון און די לבנה מיט עלף שטערען,
זיי אַלע האָבען זיך געבוקט צו מיר, —
זאָגט דער פאָטער — יוסף! וואָס חלומ׳ט זיך דיר?
וואָס האָסטו זיך נאַרישקייט אין זינען גענומען,
אַז מיר ועלען צו דיר, בוקען זיך קומען? —

די ברידער האָבען אים מקנא געווען,
און דער פאָטער, האָט געהאָפּט דאָס צו זען.

## לד

יעקב זאָגט צו יוסף'ן — אין שכם דו גיי,
ווער געוואָר די ברידער, זע וואָס מאַכען זיי?
יוסף איז אַוועק ווי דער פאָטער האָט געהייסען,
ער האָט די ברידער געפונען אין דותן.
נאָך איידער יוסף איז געקומען צו זיי,
האָבען זיי שוין געטראַכט, עצות אַלערליי.
— אָט גייט דער בעל חלומות, זאָגט איינער דעם צווייטען,
קומט ברידער אַהער, נאָמיר אים טויטען,
אין אַ גרוב אים וואַרפען, קיינער ועט ניט וויסען,
מיר וועלען זאָגען אַז אַ חיה האָט אים צוריסען.
אַז מיר וועלען אים טויטען, דאַן וועלען מיר זען,
וואָס פון זיינע חלומות וועט דעמאָלט געשען? —
זאָגט ראובן — ברידער, דאָס איז זייער ניט גוט,
אָן אייגענעם ברודער, פאַרגיסען זיין בלוט.
וואַרפט אים אַריין אין גרוב, וועט ער שטאַרבען אַליין
וועלען אונזערע הענט פון בלוט זיין ריין.
(ראובן האָט געקלערט, ס'קען טרעפען אַ גליק,
אומקערען יוסף'ן צום פאָטער צוריק).
ווי נאָר יוסף איז צו זיי נאָענט געקומען,
האָבען זיי די זיידענע העמדעל פון אים אַראָפּגענומען.
ניט צוגעהערט זיין געבעט, זיין געוויין,
און אַריינגעוואָרפען אים אין גרוב ווי אַ שטיין.
האָבען זיך געזעצט עסען, ווי גאַרנישט געווען,
אַז ישמעאלים פאָרען, האָבען זיי דערזען,
זאָגט יהודה, — איך וועל אַ גוטע עצה אייך געבען,
— מיר זאָלען אונזער ברודער לאָזען לעבען.

נאָר נאָמיר אים צו די ישמעאלים פאַרקויפען,
ער וועט שוין פון זייערע הענט ניט אַנטלויפען.
האָבען זיי יוסף'ן, פון גרוב אַרויפגעבראַכט,
און מיט די ישמעאלים אַ מסחר געמאַכט.
צוואַנציג דאָלער האָבען זיי געוואָלט,
די ישמעאלים, האָבען דאָס געלט באַצאָלט.
אַז ראובן האָט זיך צום גרוב אומגעקערט,
(אָפפירען יוספ'ן אַהיים, האָט ער געקלערט),
אַז ער האָט זיך, צום גרוב איינגעבויגען,
איז אים פינסטער געוואָרען אין די אויגען.
— אַן אומגליק האָט געמוזט טרעפען דאָ!
די גרוב איז ליידיג, יוסף איז דאָ ניטאָ! —
ער האָט די קליידער צוריסען אויף זיך,
דערציילען די ברידער, געלאָפען אויף גיך.
— ברידער! יוסף איז פון גרוב ניט געוואָרען,
וואוהין זאָל איך גיין? איך בין פאַרלאָרען!
האָבען די ברידער גענומען פון אַ ציגעלע די בלוט,
אין דעם די זיידענע העמדעל איינגעטונקט גוט.
און די העמדעל צו זייער פאָטער געבראַכט,
— איז דאָס יוספ'ס העמדעל? גוט נאָר באַטראַכט.
יעקב האָט די זיידענע העמדעל דערקענט,
און גענומען שרייען און ברעכען די הענט.
פון אַלע זייטען האָט ער די העמדעל באַקוקט,
— דאָס איז מיין זונ'ס אַ חיה האָט אים פאַרצוקט.
מיין זון יוספ'ן האָט חיה רעה אויפגעפרעסען,
אייביג וועל איך קלאָגען, קיינמאָל ניט פאַרגעסען. —
אָנגעטאָן אַ זאַק, פאַריאָמערט, פאַרקלאָגט,
זיין ליבען זון יוסף, ביטער באַקלאָגט.
די קינדער זיינע, זיינען אים טרייסטען אַריין,
זאָגט יעקב — ביז'ן קבר, וועל איך טרויעריג זיין!

## לה

די ישמעאלים מיט יוסף'ן זיינען אין מצרים געקומען,
האבען אים פארקויפט, און א גוטען פרייז גענומען.
פרעה'ס פירשט פוטיפר האט אים געקויפט פאר א קנעכט,
יוסף'ן איז בא דעם מצרי, געווען ניט שלעכט.
דער מצרי האט געזען, אז גאט יוסף'ן באגליקט,
און אלץ וואס ער טוט און וואוהין ער אים שיקט,
איז יוסף געווארען בא דעם מצרי געאכט,
און האט אים אין הויז פאר א געוועלטיגען געמאכט.
דעם מצרי'ס הויז, איז געווארען געבענשט פון גאט,
אין הויז און אין פעלד, און אלעם וואס ער האט.
איז יוסף בא דעם מצרי מיט כבוד געזעסען,
יוסף איז שיין געווארען, אויף זיין היים זיך פארגעסען.

## פ

אין א צייט שפעטער האט זיך זיין לאגע געביטען ,
פון דעם מצרי'ס פרוי האט יוסף שטארק געליטען.
זי האט אויף יוסף'ן א בלבול געמאכט,
פאר א פארברעכער האט זי איהם געמאכט.
(פארענטפערען זיך האט ער ניט געהאט קיין רעכט,
ער איז דאך געווען בא דעם מצרי א קנעכט).
האט דער מצרי יוסף'ן אין תפיסה (פריזען) פארזעצט,
נאר יוסף איז דארטען, אויך געווען געשעצט.
יוסף איז אין תפיסה אויך ארענטליך געווען,
דער האר פון תפיסה האט פון אים קיין אומרעכט געזען,
האט אים דער האר, פאר אן אויפזעער אויפגענומען,
און יוסף האט בא אים פיל חן באקומען.
זיצענדיג אין תפיסה איז אים קיין בייז געשען ,
ווייל גאט איז מיט יוסף'ן אומעטום געווען !

# לו

עס האָט געטראָפען אין יענער זעלבער צייט,
האָבען פאַרזינדיגט פרעה'ס צוויי גרויסע לייט.
שר המשקים און שר האופים*), פירשטען צוויי,
אין תפיסה וואו יוסף זיצט, פאַרזעצט האָט מען זיי.
יוסף האָט זיי באַדינט, ער האָט זיי צוגעזען,
א יאָר צייט זיינען זיי צוזאַמען געוועזן.
אמאָל אַז יוסף איז אַריין צו זיי אין צימער,
ער זעט זיי זיינען אין טרויער, אין קימער.
פרעגט זיי יוסף, — וואָס האָט אייך געטראָפען?
וואָס איר זיצט אומעטיג, פאַרשלאָפען, —
זאָגען זיי — אונז האָט זיך גע'חלום'ט,ביידען,
און ס'איז ניטאָ ווער, זאָל אונז די חלומות באַשיידען. —
זאָגט יוסף — זייט ניט אַזוי פון דעם צוטראָגען,
— איר זאָלט מיר אייערע חלומות זאָגען. —
זאָגט שר המשקים, איך האָב אין חלום געזען,
א בוים מיט דריי צווייגען, מיט טרויבען געוועזען,
האָב איך פון זיי אויסגעקוועטשט די וויין,
גלייך אין פרעה'ס בעכער אַריין.
זאָגט יוסף, די באַדייטונג פון חלום איז אַזוי,
די דריי צווייגען אויף דריי טעג ווייזען זיי.
אין דריי טעג אַרום, וועט מען דיך לאָזען פריי,
דו וועסט ווערען אַ שר המשקים אויף דאָס ניי.
א טובה וועל איך, פאַרלאַנגען פון דיר,
אַז דיר וועט גוט זיין ניט פאַרגעס אין מיר.

---

(*) שר המשקים, דער פירשט איבער די געטראַנקען. שר האופים, דער פירשט פון די בעקער.

דו זאלסט מיך, פאר פרעה'ן דערמאנען,
ארויסנעמען מיך פון דאנען, ווען דו וועסט קאנען.
פון מיין היים גע'גנב'עט האט מען מיך,
און דא אין גרוב, פאר אומזיסט זיץ איך.
דער פתרון איז דעם שר האופים געפעלען,
— דו זאלסט מיין חלום, אויך באשיידען וואלט איך וועלען.
הער מיך צו יוסף, איך וועל מיין חלום דיר זאגען,
איך האב אויף מיין קאפ, דריי קערב געטראגען,
זיי זיינען געווען פול מיט געבעק גוטע אלערליי,
און פויגלען שטייען און עסען פון זיי.
זאגט יוסף — איך וועל דיר זאגען, וואס דאס באדייט,
עס וועט דורכגיין דריי טעג צייט,
וועט מען דיך פון תפיסה ארויפברייגגען,
און אויף איין בוים, דיך אויפהייגגען,
און די פויגלען וואס זיינען אויפ'ן קארב געזעסען,
וועלען פון דיר, דיין פלייש אויפעסען. —
אין דריי טעג ארום, איז אלעס געשען,
ווי יוסף האט פותר געווען, אזו איז געווען.
נאר דער שר המשקים, האט וועגען יוספ'ן פארגעסען,
ער איז נאך א לאנגע צייט, אין תפיסה געזעסען:

פפפ

# מקץ

## לז

אין צייט צוויי יאר ארום, האט געטראפען,
אז פרעה איז אויף זיין געלעגער געשלאפען,
האט זיך אים אין חלום געדאכט,
ווי ער שטייט אזוי נעבען טייך פארטראכט.

ערשט זיבען פעטע קי, גייען ארויס פון טייך,
און זיבען מאגערע, גייען ארויס נאך זיי גלייך.
און די זיבען מאגערע קי די קליינע,
האבען אויפגעגעסען, די פעטע, די שיינע.
פרעה האט זיך אויף א ווײלע ערוואכט,
און האט באלד ווידער די אויגען פארמאכט.
חלום'ט זיך אים ווידער, אז זיבען דיקע זאנגען,
זיינען פון איין שטרוי ארויסגעגאנגען,
און באלד נאך זיי גייען ארויס געשווינד,
זיבען מאגערע, אויסגעקלאפטע פון ווינד,
און די מאגערע האבען איינגעשלונגען די דיקע אין זיך,
און פרעה פון שרעק, כאפט זיך פון שלאף אויף גיך.
עס קלאפט אים זיין הארץ, וויים ניט וואס דאס באדייט,
שיקט ער רופען צו זיך זיינע קלוגע לייט,
נאר קיינער פון זיי, האט ניט געקענט באשיידען,
האט דער שר המשקים, אנגעהייבען ריידען,
— איך מוז היינט דערמאנען די זינד מיינע,
פרעה האט אמאל געצארענט אויף די קנעכט זיינע.
מיך מיט דעם שר האופים אין תפיסה געבראכט,
אונז האט זיך גע'חלום'ט ביידען אין איין נאכט,
דארטען איז געזעסען א איד, א יונגערמאן,
(ער איז נאך יעצט אויך, דארטען פאראן),
איז ווי ער האט באשיידט, אזוי איז מען מיט אונז זיך באגאנגען,
איך בין אויף מיין שטעלע, דעם שר האופים געהאנגען.
מען האט באלד יוסף'ן פון גרוב ארויס גענומען,
איבערגעביטען זיינע קליידער און צו פרעה'ן געקומען.

## לח

זאגט פרעה צו יוסף, — איך האב געהערט וועגען דיר ריידען,
אז דו קענסט גוט חלומות באשיידען.

זאָגט יוסף — אָט די חכמה איז ניט פון מיר,
נאָר גאָט וועט מיר העלפען באַרואיגען דיר. —
פרעה האָט אים דערציילט פון אָנהייב ביז'ן סוף,
ביידע חלומות וואָס ער האָט געזען אין שלאָף.
זאָגט יוסף — ביידע חלומות, איז איין זאַך באַטייט,
גאָט האָט געוויזען פרעה'ן וואָס עס וועט זיין מיט דער צייט.
די זיבען פעטע קי, איז זיבען גוטע יאָרען,
די פעלדער וועלען פול זיין מיט ווייץ און מיט קאָרן,
און די זיבען מאָגערע קי, איז זיבען הונגער יאָרען,
אַלץ וואָס אין די פעלדער וועט ווערען פאַרלאָרען.
און דער חלום מיט די זאַנגען איז די זעלבע זאַך,
גאָט האָט דאָפעל געוויזען, אַז ס'וועט ניט דויערען אַ סך.
יעצט זאָל פרעה זען, אַ מענשען מיט פאַרשטאַנד,
און זאָל אים אויפנעמען איבער זיין גאַנצער לאַנד,
ער זאָל אין די גוטע יאָרען אַנזאַמלען פיל ברויט,
אין די הונגער יאָרען ניט ליידען הונגער און נויט.
זאָגט פרעה זיינע קנעכט — קאָנט איר גאָר געפינען,
אַזאַ מענשען מיט געטליכען גייסט און זינען?
זאָגט פרעה צו יוסף'ן — באַגאַבט פון גאָט ביזטו,
עס איז גאָר ניטאָ, אַזאַ חכם ווי דו!
דער פירער פון פאָלק וועסטו זיין בא מיר.
נאָר מיט'ן קריין-שטול, וועל איך זיין גרעסער פון דיר.
האָט אים אָנגעטאָן זיין פינגערל אויפ'ן האַנט,
און אויפ'ן האַלז אַ גאָלדענעם האַלז-באַנד.
מען האָט אים, אין בגדי מלכות געצירט,
אין פרעה'ס קאַרעטע איבער די גאַסן געפירט.
אויף יוסף'ס שיינקייט, האָבן אַלע געקוקט,
צו דעם יונגען וויצע-קעניג האָבען זיי זיך געבוקט.
צפנת פענח, אים אַ נאָמען געגעבן,
פוטיפר'ס טאָכטער אסנת פאַר אַ פרוי געגעבען.

יוסף איז דרייסיג יאָר אַלט געוואָרען,
ווען ס'איז אָנגעקומען די זיבען זאַטע יאָרען,
יוסף איז אַרום געפאָרען איבער'ן לאַנד,
אָנגעזאַמעלט ברויט, ווי פון ים די זאַמד.
קיין וואָג, קיין מאָס, איז ניט געווען צו די ברויט,
וואָס יוסף האָט אין די זיבען יאָר אָנגעגרייט.
איידער עס זיינען געקומען די הונגער יאָהרען,
האָט אסנת יוסיפ'ן צוויי זין געבאָרען,
דעם ערשטען זון האָט ער „מנשה" אַ נאָמען געגעבען,
— ווייל ער האָט שוין פאַרגעסען זיין שלעכטען לעבען,
דעם צווייטען זון גערופען „אפרים",
ווייל גאָט האָט אים געפרוכטעט אין לאַנד מצרים.
די זיבען זאַטע יאָרען זיינען אַוועק,
זיינען געקומען יאָרען, אַ הונגער אַ שרעק.
אַלע האָבען גענומען צו יוספ'ן לויפען,
פון אַלע לענדער, ברויט באַ אים קויפען,
אומעטום איז דער הונגער געוואָרען,
זיינען אַלע נאָך ברויט אין מצרים געפאָרען!

## לט

יעקב האָט געהערט אַז אין מצרים פאַרקויפט מען ברויט,
זאָגט ער די זין — וואָרום זאָלען מיר ליידען נויט?
פאָרט איר אויך, נאָך ברויט אַהין, —
און געשיקט אין מצרים, זיינע צען זין,
(בנימין'ען האָט ער ניט געשיקט מיט זיי,
ווייל אין וועג קאָן טרעפען סבות אַלערליי).
זיי זיינען געקומען צו יוספ'ן אַלע צען,
יוסף דערקענט זיי, ווי ער האָט זיי דערזען,
(די ברידער האָבען איהם ניט דערקאָנט),
יוסף האָט זיך אויף אַמאָליגע חלומות דערמאָנט.

פרעגט ער זיי — ווער זייט איר, פון וואנען קומט איר?
מיר קומען פון כנען, קויפען ברויט בא דיר,
צוועלף זין פון איין פאטער זיינען מיר געווען,
איינער איז אין דער היים, דעם צווייטען האט אן אומגליק געשען.
זאגט יוסף — איר קומט ניט קויפען שפייז בא מיר,
נאר אויסזען די לאנד, מרגלים זייט איר!
איר וועט ניט גיין פון דאנען, מיט פרעה'ן איך שווער!
ביז איר וועט ניט ברענגען אייער ברודער אהער.
איר בלייבט דא, און שיקט פון אייך איינעם,
וועט ער ברענגען דעם ברודער דעם קליינעם,
אויב ניט, איז מיט פרעה'ס לעבען איך שווער,
אז אויסזען די לאנד, זייט איר געקומען אהער!
יוסף'ס משרתים זיינען באלד געקומען,
און זיי אלעמען אין תפיסה פארנומען.

מ

אופ'ן דריטען טאג זאגט זיי יוסף, — פאלגט, וועט איר לעבען,
איך האב פאר גאט מורא, וועל איך אייך אן עצה געבען,
אויב איר זייט ארענטלאך, זאל דא איינער בלייבען שטיין,
און איר מיט די שפייז, אהיים קאנט איר גיין.
און אז איר וועט ברענגען אייער ברודער צו מיר,
וועל איך וויסען, אז ארענטליך זייט איר —
זאגט איינער צום צווייטען, מיר זיינען דאס ווערט,
אונזער ברודער'ס געבעט, האבען מיר ניט געהערט.
מיר האבען אונזער ברודער אומגליקלאך געמאכט,
דארום האט גאט אויף אונז די צרה געבראכט.
זאגט ראובן — גאט שטראפט אייך, פאר אייערע זינד,
גאט פאדערט פון אייך, די בלוט פון דאס קינד!
יוסף איז געשטאנען, האט אלעס געהערט.

אז יוסף פארשטייט אלץ, האבען זיי נים געקלערט.
יוסף איז אוועק, האט געוויינט, און צוריק געקומען,
האט שמעון'ען פון זיי אין תפיסה צוגענומען.
זייערע זעק אנשיטען מיט ברויט, האט יוסף באפעהלט, —
און צוריק אין די זעק לייגען דאס געלט.
אין וועג אויפ'ן קווארטיר האט געטראפען מיט זיי,
איינער עפענט דעם זאק, געבען דעם אייזעל היי,
האט ער די געלט פאר די ברויט אין זאק דערזען,
זאגט ער די ברידער וואס מיט אים איז געשען.
זיי האבען זיך דערשראקען, נים געוואוסט וואס באדייט,
און זאגען, וואס טוט גאט מיט אונז, איצטיגע צייט?

# פ

זיי זיינען צום פאטער אין כנען געקומען,
דערציילט אים וואס מיט זיי איז אין מצרים פארגעקומען.
ווען זיי האבען דערזען די געלט אין די זעק,
איז ארויפגעפאלען אויף זיי א גרויסער שרעק.
זאגט יעקב — פארטיליגט בין איך, יוסף איז פארלארען,
מיט שמעון'ען וויים איך ניט, וואס מיט אים איז געווארען.
אלזא, קאנט איר די לאגע מיינע גוט פארשטיין,
נים פארלאנגען פון מיר, בנימין זאל מיט אייך גיין!
זאגט ראובן — פאטער, דו ועסט מיינע זין אומברענגען,
אז איך וועל דיר צוריק בנימין'ען ניט ברענגען.
זאגט יעקב — בנימין וועט מיט אייך ניט גיין,
זיין ברודער יוסף איז געשטארבען, ער איז געבליבען אליין,
ווען אן אומגליק וועט אים טרעפען אין וועג,
דאן איז צו מיין אומגליק ניטא קיין ברעג,
מיט טרויער, מיט טרערען און געוויין,
וועל איך אויף דער עלטער אין גרוב אריין גיין.

## מ"א

דער הונגער האָט אָבער שווער אָנגעהויבען דריקען,
יעקב האָט געמוזט די זיהן נאָך ברויט שיקען.
זאָגט יהודה — מיר קאָנען צו אים ניט אריין,
אַז אונזער ברודער בנימין וועט מיט אונז ניט זיין.
דער מענטש האָט אונז געזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט,
— אַז אָן אונזער ברודער, ניט רירען זיך פון אָרט.
זאָגט יעקב — איר האָט געטאָן ניט גלייך,
וואָס איר האָט געזאָגט אַז ס'איז פאַראַן אַ ברודער בא אייך. —
— ער האָט געפרעגט, האָבען מיר זאָגען געמוזט,
ער זאָל הייסען אונז ברענגען, ווער האָט דאָס געוואוסט?
זאָל בנימין מיט אונז איצט אַהין גיין,
ברענגען אים צוריק, נעם איך זיך אונטער אַליין.
איך בין פאַר אים ערב דו זאָלסט פאָדערן פון מיר,
אויב איך ברענג אים ניט, בלייב איך זינדיג פאַר דיר.
ווען דו וואָלסט פריער אונז הערען,
וואָלטען מיר שוין לאַנג, זיך צוויי מאָל אומקערען. —
זאָגט יעקב — אויב עס מוז שוין זיין אַזוי,
נעמט מיט זיך פון כנען, גוטע פרוכט אַלערליי,
פירט אַוועק דעם מענשען אַ פרעזענט,
און דאָפּעלע געלט, נעמט מיט אין די הענט.
נעמט בנימינ'ען און גייט מיט גליק,
און ברענגט אים מיט שמעונ'ען צוריק.

## פּ

די ברידער האָבען מיט זיך בנימינ'ען גענומען,
און זיינען מיט אים אין מצרים צו יוספ'ן געקומען.
יוסף הייסט מען זאָל זיי צו אים ברענגען,
בא אים עסען, מיט אים פאַרברענגען.

וועו מען האָט זיי צו יוסף'ן אין הויז געבראַכט,
האָבען זיי מיט שרעק צווישען זיך געטראַכט,
— אַ בלבול פאַר די געלט, וואָס אין די זעק געלעגען,
צונעמען אונז פאַר קנעכט מיט אונזער פאַרמעגען.
זאָגען זיי צו יוסף'ס מענשען מיט שרעק,
— די געלט פאַר די ברויט, וואָס איז געלעגען אין די זעק,
האָבען מיר אין גאַנצען געבראַכט צוריק אַהער,
נעם בּאַ אונז דאָס געלט, און גיב זיי דיין הער —
זאָגט דער מענש — אייער געלט האָבען מיר ערהאַלטען,
אין אייערע זעק האָט גאָט, איין אוצר באַהאַלטען, —
שמעון'ען האָט מען באַלד פון תפיסה געלאָזען פריי,
די גאַנצע צייט איז יוסף געשטאַנען דערביי,
פרעגט יוסף בּאַ זיי — אָט דאָס איז דער ברודער אייערער?
גאָט זאָל דיך בענשען, זון מיינער, טייערער!

## מ"ב

יוסף איז באַלד אַריין אין צימער צו זיך,
זיך אויסגעוויינט און אַריין צוריק צו זיי אויף גיך.
יוסף איז צו זיינע ברידער צוגעגאַנגען,
און זיינע מענשען געהייסען צו טיש דערלאַנגען.
יוסף איז מיט זיינע ברידער צוזאַמען געזעסען,
און די מצרים האָבען באַזונדער געגעסען.
די מצרים קאָנען ניט עסען מיט די אידען,
מיט די אידישע מאַלצייטען, זיינען די מצרים ניט צופרידען.
ער האָט געזעצט די ברידער, יעדען נאָך זיין עלטער באַזונדער,
די ברידער האָבען געקוקט, האָבען זיך געוואונדערט.

## פ

יוסף זעגענט זיך מיט זיי און איז אַוועק,
און געהייסען זיין מענשען אָנפילען זייערע זעק,

און יעדענס געלט אריינלייגען צוריק אין זיין זאק,
און זיין זילבערנעם בעכער, צו בנימינ׳ען אין פאק.
דער מענש האט געטאן ווי יוסף׳ס פארזאג,
די ברידער זיינען אוועק ווי עס איז געווארען טאג.
עס האט ניט געדויערט קיין לאנגע צייט,
די ברידער זיינען נאך געווען פון שטאט ניט ווייט.
האט יוסף געהייסען זיין מענשען זיי יאגען,
און ער זאל זיי אט מיט די ווערטער זאגען:
— ווארום האט איהר באצאלט מיט שלעכטס פאר גוטס?
צונעמען מיין בעכער וואס איך האב פון איהם נוץ.
אזוי ניט ארענטליך זאלט איר זיך באגיין,
פאר ארענטליכע מענשען, איז דאס ניט שיין.
דער מענש איז געלאפען און האט זיי דעריאגט,
און זיי איבערגעגעבען וואס יוסף האט געזאגט.
— זאגען זיי — ווי קאנסטו גאר אויף אונז אזוי קלערען,
ארענטליכע לייט ווי מיר, זאלען גנבים ווערען?
די געלט פון די זעק האבען מיר געבראכט אהער,
ווילען מיר גנב׳ענען, א בעכער בא דיין הער?!
זיי האבען באלד אפגעעפענט יעדער זיין זאק,
און מען האט דעם בעכער געפונען אין בנימינ׳ס פאק.
זיי האבען צוריסען די קליידער אויף זיך,
און צוריק אין שטאט אומגעקערט זיך אויף גיך.
זיינען אריין צו יוסף׳ן צו אים זיך געבוקט,
יוסף איז געשטאנען און שטרייננג אויף זיי געקוקט.
און זאגט זיי — אזעלכע ערליכע לייט זייט איר?
אז איר האט צוגע׳גנב׳עט מיין בעכער בא מיר. —
זאגט יהודה — מיר קאנען זיך ניט מאכען גערעכט,
אונזער שולד איז דערוויזען, מיר בלייבען בא דיר קנעכט.
זאגט יוסף — א קנעכט בלייבט נאר דער פארברעכער,
בא וועמען מען האט געפונען מיין בעכער.

און איר זייט אַלע פון דער גנבה ריין,
איר קאָנט אייך בשלום, צו אייער פאָטער גיין!

# ויגש

## מג

יהודה גייט צו און זאָגט—איך בעט מיין הער זאָל מיך הערען,
אַז איך וועל רעדען, זאָלסטו אין כעס ניט ווערען.
ווארום האָסטו באַ אונז באַדאַרפט גאַר פרעגען,
פאַר אונזער פאָטער און ברודערס וועגען?
און מיר האָבען פון דיר קיין זאַך ניט פארהיילט,
אַלעס האָבען מיר, אין גאַנצען דערציילט.
אַז באַ אונז איז דאַ אַ פאָטער, און אַ ברודער אַ קליינער,
וואָס פון זיין מוטער, איז ער געבליבען נאָר איינער.
האָסטו געהייסען איהם ברענגען, געבען אויף אים אַ בליק,
נאָכדעם וועלען מיר קענען, נעמען אים צוריק,
האָבען מיר געזאָגט, אַז דאָס קאָן ניט געשען,
ווארום ער קען שטאַרבען, אַז ער וועט דעם פאָטער ניט זען.
האָסטו געזאָגט — מיר זאָלען ניט קומען צו דיר מער,
אויב מיר וועלען ניט ברענגען, אונזער ברודער אַהער.
אונזער פאָטער האָט ניט געוואָלט, לאָזען אים גיין,
פון זיין פרוי'ס זין, איז ער געבליבען אַליין.
איצט אַז מיר וועלען קומען, און דער פאָטער וועט דערזען,
אַז מיט דעם צווייטען זון, איז אַן אומגליק געשען.
און מיט זיין לייב און לעבען איז ער צוגעבונדען צום זון,
קאָן ער פון שרעק שטאַרבען דערפון.
און איך בין דער ערב, איך האָב דעם פאָטער געשוואָרען,
אויב איך ברענג אים ניט, פארזינדיג איך מיינע יאָרען.
אַלזאָ מיין הער, באַ מיר איז געבליבען רעכט,
איך וועל זיך אָפּשטעלען, באַ דיר פאַר אַ קנעכט.

אויף מיין ברודער'ס ארט, וועל איך בלייבען שטיין,
און מיין ברודער זאל, צום פאטער אהיים גיין.

פ

יוסף האט ניט געקאנט יהודה'ס רייד איבערטראגען,
און געמוזט דיברידער דעם אמת אויסזאגען.
ער האט געהייסען אלעמען פון הויז ארויסגיין,
קיין פרעמדע מענשען זאלען דערביי ניט שטיין,
און האט אויסגעשריען: — אייער ברודער יוסף בין איך דאך!
וואס מאכט אונזער פאטער? צי לעבט ער נאך? —
די ברידער זיינען געבליבען שטיין אויף איין ארט,
פון גרוים שרעק ניט געקענט רעדען קייןווארט.
זאגט יוסף — קומט אהער, ניט אנטלויפט,
איך בין אייער ברודער יוסף, וואס איר האט פארקויפט.
נאר זאל אייך ניט פארדריסען, ברידער ליבע,
דאס איז געווען פון גאט א סיבה.
איך זאל אייך קאנען שפייזען מיט ברויט,
אין די הונגער יארען, ניט ליידען קיין נויט.
פארט גיכער צום פאטער איר זאלט אים זאגען,
— יוסף דיין זון לעבט, הער שוין אויף צו קלאגען.
און קומט אלע צו מיר, פיל ניט געטראכט,
אין מצרים האט מיך גאט פאר א מושל *) געמאכט
איך וועל אייך שפייזען אין די הונגער יארען,
איר מיט אייער פארמעגען זאלט ניט גיין פארלארען.
דערציילט דעם פאטער, דעם כבוד וואס איך האב דא,
קיין גרעסערער מושל, איז דא פאר מיר ניטא! —
און צוגעלאפען צו בנימין, האט אים געקושט,
און געקושט אלע ברידער, מיט גרוים לוסט.

---

*) א געוועלטיגער.

אז זיי האָבען דערהערט זיינע זיסע רייד,
האָבען זיי מיט אים גערעדט, און געוויינט פאַר גרוים פרייד!

## מד

פרעה׳ן איז דאָס געוועזן זייער אַנגענומען,
וואָס צו יוסף׳ן זיינען ברידער געקומען.
זאָגט פרעה צו יוסף : — דיינע ברידער זאָלסטו זאָגען,
נעמט מיט זיך שפייז פיל איר קאָנט פאַרטראָגען,
נעמט אייער פאָטער, און קומט אהער גלייך,
די גוט׳ס פון מצרים איז אין גאַנצען פאַר אייך!
יוסף גיט זיי וועגען, פול מיט שפייז אַלערליי,
אַלעמען פיל מתנות און קליידער אַנטאָן זיי.
יוסף זאָגט זיינע ברידער, ניט צו קריגען זיך,
אין וועג לעבט בשלום, פאָרט אהיים אויף גיך.
זיי האָבען זיך צוזעגענט און אַוועק מיט פרייד,
יוסף האָט זיי באַליט מיט גוטע, זיסע רייד,
זיי זיינען צום פאָטער געקומען און האָבען אים געזאָגט,
— דיין זוהן יוסף לעבט! אומזיסט האָסטו איהם באַקלאָגט,
ער לעבט, און אַ מושל אין מצרים איז ער, —
יעקב האָט זיך דערשראָקען, גלויבען געוועזן אים שווער.
אז ער האָט דערזען, די שפייז מיט די וועגען,
וואָס יוסף האָט געשיקט פון זיינטוועגען,
זאָגט ער — איך גלויב! מיין זון לעבט, פיל פרייד האָב איך,
זעען אים פאַר מיין טויט לויפען וועל איך גיך!

## מה

יעקב האָט אַלעס מיט זיך פאַרנומען,
און ער מיט זיין פאַמיליע זיינען אין באר שבע געקומען.
דאָרטען האָט ער צו גאָט, קרבנות געבראַכט,
גאָט ווייזט זיך צו יעקב׳ן יענע נאַכט.

און זאָגט אים — האָב ניט מורא יעקב, גיי מיט גליק,
איך גיי מיט דיר אַהין, און וועל דיך ברענגען צוריק.
יעקב איז אַוועק מיט די ווייבער און קינדער,
אויך זיינע פי, די שאָף מיט די רינדער,
די ווייבער, די קינדער געזעצט אויף די וועגען,
אויך די גוטס מיט זיין גאַנצען פאַרמעגען,
וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אַלץ פאַרנומען.
און ער איז צו יוסף'ן אין מצרים געקומען,
אַלע צוזאַמען אויסער די קינדערשע ווייבער,
איז מיט יוסף'ן און זיינע זין זיבעציג לייבער.

פ

אַנזאָגען יוסף'ן האָט יעקב, יהודה'ן געהייסען,
ער זאָל פאַר זיי צו גרייטען אַן אָרט אין גושן.
יוסף איז אַנטקעגען זיין פאָטער יעקב געלאָפען,
אין דער לאַנד „גושן" האָט ער אים געטראָפען.
האָט אַרומגעכאַפּט זיין פאָטער, מיט קושען, מיט געוויין,
(ווי דאַן איז פאַרגעקומען, קאָן יעדער פאַרשטיין).
זאָגט יעקב — איצט רואיג שטאַרבען קאָן איך,
אַז איך האָב דערלעבט צו זעען דיך!
זאָגט יוסף — איך וועל גיין זאָגען, פרעה'ן מיין הער,
אַז מיין פאָטער און ברידער, זיינען געקומען אַהער.
און אַז פרעה וועט אייך פרעגען וואָס טוט איר?
זאָלט איר אים זאָגען — פאַסטוכער זיינען מיר —
מיר פיטערען שאָף, פון אונזער יוגנט אָן,
און אונזערע עלטערען האָבען דאָס זעלבע געטאָן, —
יוסף האָט פינף פון די ברידער אויסדערוויילט,
געפירט זיי צו פרעה'ן, און האָט אים דערציילט:
— מיין פאָטער און ברידער זיינען געקומען אַהער,
אין דער לאַנד כנען איז דער הונגער שווער.

פרעגט זיי פרעה: — וואָס האָט איר דאָרטען געטאָן ?
זאָגען זיי: — פּאַסטוכער זיינען מיר פון אונזער יוגנט אָן
איצט איז אין כנען, קיין פיטערניש ניטאָ,
זיינען מיר געקומען אהער, באַזעצען זיך דאָ.
זאָגט פרעה — קאָנסט זיי באַזעצען, וואו דו ווערסט וועלען,
פיליכט איז דיר די לאַנד גושן געפעלען ?
יוסף האָט זיין פאָטער, צו פרעה׳ן געבראַכט,
פרעה האָט מיט אים, פריינטליך פאַרבראַכט.
פרעה פרעגט אים, פיל יאָר איז דיר,
זאָגט יעקב — הונדערט דרייסיג יאָר, איז מיר.
ווינציגער פון מיינע עלטערנס יאָרען,
נאָר פון מיין שלעכט לעבען בין איך פאַרעלטערט געוואָרען.
יעקב בענשט פרעה׳ן און האָט אָפּשייד גענומען,
און צוריק אין גושן, צו די קינדער געקומען.
יוסף האָט זיי געשפּייזט, זייער גאַנצען לעבען,
אַלץ וואָס זיי האָבען באַדאַרפט, האָט ער זיי געגעבען.

## מו

דער הונגער איז געוואָרען שטאַרק אומעטום,
יוסף האָט פאַרקויפט ברויט אַלע לענדער אַרום,
פון די ברויט האָט ער גרויסע מסחרים געמאַכט,
און די גאַנצע געלט האָט ער צו פרעה׳ן געבראַכט.
אין מצרים איז דער הונגער אויך געוואָרען שווער,
און די מצרים האָבען קיין געלט ניט געהאַט מער.
האָבען זיי צו פרעה׳ן די פי אָפּגעגעבען,
האָט זיי יוסף געשפּייזט, צו דערהאַלטען דעם לעבען,
קיין פי איז שוין ניט געווען, איז געוואָרען שלעכט.
האָבען זיי זיך פאַרקויפט צו פרעה׳ן פאַר קנעכט.
זייערע ערד אָפּגעגעבען, פרעהן פאַר ברויט,
גענומען אַ חלק, וואָס זיי האָבען געאַקערט, געזייט.

נאָר באַ די פריישטער, די ערד ניט צוגענומען,
זייער באַדערפעניש, האָבען זיי פון פרעה'ן באַקומען:
זיינע ברידער האָט יוסף גענוג געגעבען צום עסען,
זאַט און רואיג זיינען זיי אין גושן געזעסען.

פפפ

מז

# ויחי

פון יעקב'ס טויט, ווערט דאָ באַשריבען,
זיינע יאָרען איז געווען, הונדערט פערציג זיבען.
אין מצרים האָט ער געלעבט, זיבעצען יאָר צייט
אַז דער טאָג פון זיין שטאַרבען איז געווען ניט ווייט.
רופט ער זיין זוהן יוסף און זאָגט — איך פאַרלאַנג פון דיר,
דו זאָלסט טאָן אַן אמת'ען חסד מיט מיר.

אויב איך האָב געפונען, חן אין דיינע אויגען,
אַז איך וועל שטאַרבען, זאָלסטו מיך אין מצרים ניט לייגען.
זאָלסט מיך טראָגען און באַגראָבען אין דעם זעלבען אָרט,
וואו אַלע מיינע עלטערען, זיינען באַגראָבען דאָרט.
איך פרלאַנג פון דיר, זאָלסט מיר דערויף שווערען, —
יוסף שווערט — אַז ער וועט טאָן זיין פאָטער'ס באַגערען.
יוסף האָט דערהערט, אַז זיין פאָטער, איז קראַנק געוואָרען,
האָט ער גענומען די קינדער און געוואָר ווערען געפאָרען.
יעקב האָט זיך געשטאַרקט, און געזעצט זיך מיט נויט,
אַז ער האָט דערהערט אַז זיין זוהן יוסף געהט.
זאָגט יעקב: — גאָט האָט מיך געבענשט אַמאָל
אַז מיינע קינדער זאָלען ווערען גרעסער אין צאָל,
אַלזאָ, די קינדער וואָס זיינען דאָ, געבאָרען ביי דיר,
ווי מיינע זיהן זאָלען זיי זיין פאַררעכענט ביי מיר,

אפרים און מנשה,ביידע זיהן דיינע,
ווי ראובן און שמעון זאָלען זיין מיינע!
יעקב פרעגט אויף יוסף׳ס זיהן — ווער זיינען זיי?*)
זאָגט יוסף: — דאָס זיינען מיינע זיהן די צוויי.
דער ערשטער מנשה, דער צווייטער אפרים,
וואָס גאָט האָט מיר געגעבען דאָ אין מצרים,
(ישראל׳ס אויגען זיינען געווען טונקעל, ער האָט געזעהן שווער)
זאָגט ער צו יוסף׳ן: — איך וויל זיי בענשען, ברענג זיי אַהער,
איך האָב גערעכענט ניט זעהן זיך מיט דיר,
און גאָט האָט באַוויזען אויך דיינע קינדער מיר. —
ער בענשט יוסף׳ן און די קינדער זיינע:
— גאָט פון אברהם, יצחק, די עלטערען מיינע,
וואָס האָט זיין מלאך געשיקט, פון שלעכטס געמאַכט לייז,
דער גאָט, וואָס האָט מיך אויסגעהיט פון אַלדאָס בייז,
פון דעם גאָט געבענשט זאָלען זיי ווערען,
ווי די פיש פון ים זאָלען זיי זיך מעהרען. —

פ

בענשענדיג האָט יעקב די הענט איבערגעלייגט,
זיין רעכטע האַנט אויף אפרים׳ס קאָפּ געלייגט.
וואָס זיין פאָטער טוט האָט יוסף דערזעהן,
איז דאָס יוסף׳ן שטאַרק ניט געפעהלען געווען.
זאָגט יוסף: — פאָטער מיינער, דו האָסט אַ טעות געהאַט,
מיין פרוי האָט דעם זוהן מנשה׳ן פריהער געהאַט.
נעם דיין רעכטע האַנט פון אפרים׳ען אַראָפּ,
און לייג זי בעסער אַרויף אויף מנשה׳ס קאָפּ. —
יעקב טוט דאָס ניט און זאָגט: — איך ווייס, איך ווייס,

*) לולא מסתפינא, אז אמרתי כי כל הפסוקים האלה עד „ויקרא יעקב״, הם מ״פ ויגש בשעה שראה יעקב את יוסף בפעם הראשונה בבואם למצרים, אין מוקדם ומאוחר בתורה. —

דיין זוהן מנשה, וועט אויך זיין זעהר גרויס.
נאָר אפרים וועט פון מנשה׳ן גרעסער ווערען,
אפרים׳ס קינדער אויף דער וועלט וועלען זיך הערען!
בענשט זיי יענעם טאָג — אַז אַלע מענשען
זאָלען זיך מיט זיינע קינדער בענשען.
יעדער וועט זאָגען זיין זוהן — קינד מיין,
ווי אפרים און מנשה זאָלסטו זיין! —

## מ״ח

יעקב רופט זיינע זיהן, זאָלען צו איהם אריין!
זאָגען זיי וואָס מיט זיי וועט שפּעטער זיין.

ראובן מיין בכור, דער ערשטער פון מיין קראַפט,
העכער זיין פון דיינע ברידער האָסטו באַדאַרפט,
נאָר דו האָסט זיך געהיילט, אַביסעל צו גיך,
מיט דיין פיהרונג האָסטו וואכעדיג געמאכט מיך!

## פ

שמעון און לוי, ברידער גלייכע צוויי,
געוועהר פון רויב באַנוצט האָבען זיי.
אין זייער געמיינדע זאָל מיין נאָמען ניט זיין,
אין זייער פאַרזאַמלונג — דער כבוד מיין;
האָבען מענשען גע׳הרג׳עט מיט זייער צאָרען.
מיט זייער ווילען איז דער שור (יוסף) אויסגעריסען געוואָרען.
זייער כעס זאָל זיין פאַרפלוכט, ער איז שטאַרק אומגעהייער,
זייער צאָרען ברענט ווי אַ העלישער פייער,
צווישען יעקב׳ן, צוטיילען וועל איך זיי,
אין ישראל צושפּרייט, אין ערטער אַלערליי!

## פ

יהודה, דיינע ברידער וועלען דיך לויבען.
אויף דעם נאַקען פון פיינד דיין האַנט וועסטו הויבען.
ווי אַ יונגער לייב, אַזוי יהודה ביזטו.
פאַרצוקען מיין זוהן, ניט דערלאַזען האָסטו.
ווי אַ לייב וועסטו ליגען רוהיג אויף דיין אָרט,
שטראַק ווי אַ לעמפּערט, ווער קען דיר רירען פון דאָרט?
הערשאַפט און לעהרע וועט אין יהודה פאַרבלייבען,
צו איהם אין „שילה״, וועלען זיך פעלקער קלייבען.
אַן עזעל וועט זיין געשפּאַנט צו איין גפן פון גאָרטען,
אין וויין וועט מען וואַשען די קליידער דאָרטען.
זייערע אויגע וועלען רויט זיין פון וויין.
זייער ציינער פון מילך ווייסער וועלען זיין!

פּ

זבולון אויף די ברעגען פון די ימים וועט ער זיצען,
נעבען „צידון״ זיינע גרעניצען באַשיצען.

פּ

יששכר וועט זיין ווי אַן עזעל מיט ביינער שטאַרקע,
ער וועט תמיד רוהען צווישען די געמאַרקע (גרעניצען).
ער זעהט אַז זיין לאַנד איז זיס, און גוט איז זיין רוה,
וועט ער זיין נאַקען איינבויגען דערצו!

פּ

דן, פאַר זיין פאָלק וועט ער זיין אַ קריגער.
ווי איינער פון די גרעסטע, פאַר׳ן פאָלק אַ זיגער.
ער וועט זיך ציהען ווי אַ שלאַנג איבער דר׳ערד,
וואַרפען דעם רייטער בייסענדיג די פוס פון פערד!
אין דער שלעכטער צייט ווען קיין רעטונג ער האָט,
וועט ער אויסשרייען: צו דיין הילף האָף איך מיין גאָט!

## פ מ״ט

גד געהט מיט פיל חיל, אין מלחמה מיט גליק,
און אויף די זעלביגע טריט געהט ער צוריק.

פ

אשר, פעט איז זיין ברויט, גליקליך איז זיין לעבען.
די בעסטע זיסע שפייז דעם קעניג מעג מען געבען.

פ

נפתלי לויפט ווי א אינד, שנעל איז זיין גאנג,
געהט פון מלחמה, מיט לידער, מיט געזאנג!

פ

יוסף, ווי א פרוכטיגע צווייג וואס וואקסט אויף א קוואל,
די צווייגען וואקסען אריבער די ווענט איבעראל.
זיינע קריגער האבען פארביטערט זיין לעבען.
די בייזע צינגער האבען איהם פיל צרות געגעבען.
זיין בויגען וועט זיין שטארק, זיינע הענט באגילט,
ישראל׳ס קינדער געשפייזט, זייער פארלאנג ערפיהלט,
דורך דער הילף פון גאט פון יעקב׳ס גלויבען,
זיין ברכה געשיקט פון הימעל, פון אויבען.
גרעסער איז מיין ברכה וועלכע איך גיב דיר.
פאר דער ברכה וואס די עלטערען האבען געגעבען מיר.
פון די הויכע בערג ביז׳ן אפגרונד אראפ,
אויף דעם געקריינטען פון די ברידער, אויף יוסף׳ס קאפ!

פ

בנימין, ווי א בייזער וואלף האט ער זיין רויב געבראכט,
געגעסען אין דער פריה און צוטיילט פארנאכט!

## נ״

די זיהן זיינען געשטאַנען און געהערט
ווי דער פאָטער זאָגט יעדען ווי ער איז ווערט,
וועמען ער האָט דערנידערט, וועמען דערהויבען,
וועמען מען דאַרף שענדען, וועמען — לויבען.
זאָגט יעקב: — איך געה שטאַרבען, זאָלט איהר מיר באַגראָבען
אין „מערת המכפלה" וואָס די עלטערען האָבען.
דאָרטען איז באַגראָבען שרה און אברהם, מיין זיידע,
און מיינע עלטערען ליגען אויך דאָרט ביידע. —
יעקב האָט מיט די זיהן מעהר ניט פאַרבראַכט,
געלייגט זיך אין בעט און די אויגען פאַרמאַכט.
יוסף האָט געקלאָגט אויף זיין גרויסען פאַרלוסט,
געפאַלען אויף יעקב׳ם טויטען קערפער, און האָט איהם געקושט,
איידער מען האָט דעם טויטען אין כנען געפיהרט,
האָבען די דאָקטוירים איהם באַלזאַמירט.
די באַלזאַמירונג האָט געדויערט פערציג טעג.
דערנאָך האָט מען זיך געגרייט אין וועג,
זיבעציג טעג האָט מען באַקלאָגט דעם טויטען.
נאָכדעם זיינען אַלע געגאַנגען איהם באַגלייטען.
די מצרים האָבען געאַכט איהם פאַר זיין לעבען.
און נאָך זיין טויט איהם אויך כבוד געגעבען.
די זיהן האָבען זיין מטה געטראָגען
און די מצרים פון די זייטען דעם טויטען באַקלאָגען.
ביים עבר הירדן, ביים ברעג,
האָט מען איהם באַקלאָגט נאָך זיבען טעג.
געבראַכט איהם אין כנען, באַגראָבען אין דער מערה
וואָס אברהם האָט געקויפט פאַר זיין פרוי שרה.
נאָך דעם האָט יוסף די ברידער גענומען,
און זיינען אַלע צוריק אין מצרים געקומען.

## נ״א

נאך יעקב׳ס טויט האבען די ברידער געקלעהרט:
—יוסף וועט אונז באצאלען ווי מיר זיינען ווערט.
ער וועט געווים שנאה אויף אונז טראגען. —
האבען זיי געשיקט אין פאטערס נאמען איהם זאגען:
— איך בעט דיך מיין זוהן, זיי מוחל דיינע ברידער,
וואס זיי זיינען געווען אמאל דיר דערווידער,
געזינדיקט אנטקעגען דיר, געטאן א פארברעכען,
זיי זיי מוחל אלץ, פאר קיין זינד דאס ניט רעכען. —
נאכהער זיינען זיי אליין צו יוסף׳ן געקומען,
געבוקט זיך צו איהם און רעדען גענומען:
— מיר וויסען אז מיר זיינען געווען צו דיר שלעכט,
מיר זיינען איצט גרייט זיין ביי דיר קנעכט! —
יוסף׳ס הארץ האט געקלעמט פון זייער געבעט,
ער האט זיך צעוויינט ווען זיי האבען גערעדט.
זאגט ער: — ברידער, שרעקט זיך ניט! צי א גאט בין איך
איך זאל קענען נעמען ראכע פאר זיך?
זעהט נאר, ברידער, שלעכטעס טאן האט איהר געקלעהרט
און גאט האט אלעס צום גוטען פארקערט.
אהער אין מצרים האט גאט מיך געבראכט,
א שפייזער פאר פיל האט ער מיך געמאכט.
האט ניט מורא ברידער, איך וועל אייך שפייזען,
אלץ וואס איהר באדארפט וועל איך דערווייזען.
איהר וועט ניט וויסען קיין פיין, קיין לייד! — ....
ער האט זיי געטרייסט מיט גוטע רייד.
יוסף זאגט די ברידער: — איך וועל שטארבען.
אונזערע קינדער וועלען די לאנד כנען ארבען.
גאט וועט אייך דערמאנען, ווי ער האט געשווארען
צו אברהם, יצחק און יעקב, אמאליגע יאהרען.
בעט איך פון אייך איהר זאלט מיר שווערען

אַז איהר וועט פון דאַנען אויסגעלייזט ווערען,
זאָל איינער דעם צווייטען מיין שבועה זאָגען,
אַז מיינע ביינער אין כנען זאָלען זיי טראָגען. —
יוסף האָט געלעבט הונדערט צעהן יאָהר,
דערלעבט צו זעהן ביז אַ פערטען דור.
יוסף איז געשטאָרבען, מען האָט איהם באַלזאַמירט,
באַהאַלטען איהם אין מצרים, אין כנען ניט געפיהרט!

פפפ

## חסל ספר בראשית

# ספר
# שמות

# שמות

## א

דאָס זיינען די נעמען פון ישראל׳ס אַלע זיהן.
וועלכע זיינען אין מצרים מיט איהם געקומען אהין,
ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר, זבולן, דן, נפתלי, גד, אשר.
צעהען,
בנימין אַן עלפטער. און יוסף, איז שוין לאַנג אין מצרים געוועזן.
יוסף מיט זיינע ברידער און אַלע אַלטע לייט,
זיינען אַלע צושטאָרבען מיט דער צייט.
דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געמעהרט אַזוי,
אַז די לאַנד מצרים איז פול געוואָרען מיט זיי.
אין מצרים איז דאַן אַ נייער קעניג געוואָרען,
וואָס האָט ניט געקענט דעם יוסף פון אַמאָליגע יאָהרען.
זאָגט ער זיין פאָלק — מען בעדאַרף אַן עצה באַקלערען,
דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אַזוי פיל ניט מעהרען.
ווארום אַז עס וועט טרעפען, אַ מלחמה מיט דער צייט,
וועלען זיי זיך שטעלען, אויף דעם שונא׳ס זייט.
און וועט מיט אונז אַ מלחמה פאַרפיהרען
און פון אונזער לאַנד זיך אַרוים מאַרשירען! —
האָבען זיי פאַרביטערט די אידען דעם לעבען,
אויף זיי צינזען געמאַכט, און שווערע ארבעט געגעבען,
געאַרבעט מיט זיי שווער, טאָג און נאַכט,
ליים געקנאָטען, און ציגעל געמאַכט,
האָבען געאַרבעט שווער, מיט׳ן ביטערען שוויים.
צוויי שטעדט אויפגעבויט, פתם און רעמסום;
פרעה שיקט רופען די אידישע הויבענם די צוויי,
שפרה׳ן און פועה׳ן און אנגעזאָגט זיי:
— אויף די אידישע געווינערינם זאָלט איהר אַכטונג געבען,

ווערט נאָר געבאָרען אַ זוהן, לאָזט איהם ניט לעבען. —
די הויבענס אָבער, האָבען מורא געהאַט פאַר גאָט,
און האָבען ניט ערפיהלט, פרעה'ס געבאָט,
פרעה שיקט רופען די הויבענס צו זיך,
פרעגט ביי זיי: — ווארום פאָלגט איהר ניט מיך?
זאָגען זיי: — די אידישע ווייבער זיינען צו די מצרית ניט גלייך,
די געווינערינס זאָגען — „מיר באַדאַרפען ניט אייך".
זיי האָבען די קינדער אָהן אונז, איינס און צוויי,
נאָך איידער מיר האָבען צייט צו קומען צו זיי. —
די הויבענס האָבען פרעה'ס גזירה ניט געהערט
און דאָס פאָלק האָט זיך געפרוכפערט און געמעהרט.
פרעה האָט ניט געוואָלט די הויבענס געטרויען,
האָט ער געהייסען פאַר זיי באַזונדערע הייזער בויען,
און אָנגעזאָגט די מצרים, אַז זיי וועלען געפינען
אַז אַ אידישע פרוי וועט אַ זוהן געווינען,
זאָלען זיי אַליין נעמען דאָס געבאָרענע קינד גלייך,
מיט זייערע אייגענע הענט, וואַרפען איהם אין טייך.

## ב

יוכבד, עמרם'ס ווייב, האָט דאַן געבאָרען אַ זוהן.
אַז די מצרים זאָלען ניט וויסען דערפון,
האָט זי איהם אויסבאַהאַלטען פון זייערע הענט.
נאָר מעהר ווי דריי מאָנאַטען האָט זי ניט געקענט.
אַליין אין טייך איהם געוואָרפען, די גזירה אויסגעפיהרט,
נאָר אין אַ קעסטעל מיט פעך און ליים אויסגעשמירט.
געלייגט דאָס קינד, און אַוועקגעטראָגען גלייך,
און געלאָזען דאָס קעסטעל שווימען אויפן טייך.
זיין שוועסטער האָט פון וויטען געשטעלט זיך זעהען
וואָס מיט דאָס קינד וועט דאָ געשעהען?
פרעה'ס טאָכטער איז באָדען זיך געגאַנגען,

זי האָט די קעסטעל דערזעהן, האָט זי געהייסען איהר דערלאַנגען.
ווי גרוים איז געוועז איהר וואונדער, איהר שרעק,
ווען זי האָט געעפענט פון קעסטעל די דעק —
אַ קינד ליגט און וויינט. זעהר אַ שעהנער,
פון אַ פּאָר מאָנאַטען, נאָך גאָר אַ קליינער.
באַטראַכטענדיג דאָס קינד איז איהר אין זינען אריין
אַז דאָס מוז געווים פון די אידישע קינדער זיין.
זאָגט זיין שוועסטער: — זאָל איך געהן געשווינד
רופען אַן אַם, אַנזויגען דאָס קינד? —
זאָגט פרעה׳ס טאָכטער: — לויף גיך, ניט געטראַכט. —
איז זי געלאָפען און דאָס קינד׳ס מוטער געבראַכט.
זאָגט פרעה׳ס טאָכטער: — נעם דאָס קינד, זאָל ער זיין ביי דיר,
דו זויג איהם, און געצאָהלט קריגסטו פון מיר. —
אַז זי האָט איהם אָנטוואוינט, האָט זי איהם צוריקגעבראַכט.
פרעה׳ס טאָכטער האָט איהם פאַר אַ זוהן באַטראַכט,
„משה" האָט זי איהם גערופען, פון וואַסער אַרויסגעצויגען,
ווי אַן אייגענעם זוהן האָט זי איהם ערצויגען.

## ג

אַז משה איז גרוים געוואָרען האָט ער באַמערקט גוט,
אַז אין זיינע אָדערען פליסט אידיש בלוט.
אַמאָל אין אַ פריהמאָרגען איז ער אַרוים זעהן
זיינע אומגליקליכע ברידער, מיט וואָס העלפען ער קען?
ער האָט דערזעהן ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען.
פון צאָרען האָט אָנגעהויבען די בלוט איהם זידען.
משה האָט זיך אין אַלע זייטען געקערט,
ער האָט דאָרטען קיין מענשען באַמערקט.
האָט ער דעם מצרי געשלאָגען, דעם טויט איהם געמאַכט,
(פאַר אַ פאַרברעכער האָט ער איהם באַטראַכט.)
מען זאָל ניט וויסען, ער זאָל קיין שטראָף האָבען,

האָט ער דעם מצרי אין זאַמד טיף באַגראָבען.
אויף מאָרגען איז ער ווידער אַרויסגעגאַנגען זעהן:
ערשט צוויי מענשען קריגען זיך (ביידע אידען געווען!)
זאָגט משה: — רשע! וואָרום ווילסטו דיין פריינד שלאָגען?
זאָגט ער — ווער ביזטו קומען אונז מוסר זאָגען?
הרג'ענען מיך, ווי דעם מצרי, קענסטו קלערען? —
האָט משה מורא געהאַט, פּרעה קען דערהערען.
און האָט טאַקי דערהערט, און געוואָלט איהם באַשטראָפען.
איז משה פון פּרעה'ן אין מדין אַנטלאָפען.
געזעצט זיך ביי א ברונים, אָפּרוהען דאָרט.
יתרו'ס טעכטער מיט די שאָף זיינען געווען אין יענעם אָרט.
די שאָף אָנטרינקען האָבען זיי זיך געקליבען,
האָבען די פּאַסטוכער פון דאָרטען זיי פאַרטריבען.
די פּאַסטוכער האָבען באַקומען פון משה'ן א שטראָף;
ער האָט געהאָלפען די טעכטער, און אָנגעטרונקען די שאָף.
אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, פרעגט דער פאָטער ביי זיי:
— וואָרום האָט איהר היינט געאיילט זיך אַזוי? —
זאָגען זיי: — א מצרי איז אונז צו הילף געקומען.
ער האָט די פּאַסטוכער צוטריבען און וואַסער אָנגענומען. —
זאָגט יתרו: — וואו איז ער? רופט איהם צו אונז עסען! —
משה איז ביי יתרו'ן א צייט אָפּגעזעסען.
ער איז יתרו'ס אן איידעם געוואָרען,
און זיין פרוי צפּורה האָט איהם צוויי זיהן געבאָרען.
אין אַ צייט אַרום איז דער קעניג פון מצרים געשטאָרבען.
איז די אידישע לאַגע געוואָרען נאָך ערגער פאַרדאָרבען.
וואָס א טאָג, זייער אַרבעט שווערער זי ווערט,
זייער זיפצען, זייער קרעכצען האָט גאָט דערהערט.
גאָט האָט זייער שלעכטע לאַגע באַטראַכט
און דערמאָנט דעם בונד וואָס מיט זייערע עלטערן געמאַכט.

## ד

משה האָט זיך טיף אין דעם מדבר פאַרקליבען.
זיינע שאָף האָט ער ביז באַרג „חורב" געטריבען.
אַ מלאך ווייזט זיך צו איהם אין אַ פלאַם פון פייער,
אין אַ דאָרען וואָס ברענט, ברענט אומגעהייער.
משה שטעהט פאַרוואונדערט ; פאַרשטיין ניט געקענט,
דער דאָרען פלאַקערט, און ווערט ניט פאַרברענט ? !
קלערט משה : ער וועט נעהענטער צום דאָרען צוגעהן,
דעם גרויסען וואונדער געוואָלט האָט ער פאַרשטיין.
האָט זיך גאָט'ס שטימע דערהערט פון דאָרט :
— משה, משה ! געה ניט אַהער, שטעה אויף דיין אָרט !
וואַרף אַראָפּ פון די פיס די שיך וואָס דו געהסט,
הייליג איז די ערד, דער אָרט וואָס דו שטעהסט.
איך בין דער גאָט פון די עלטערען דיינע,
אברהם, יצחק און יעקב, די געליבטע מיינע.
משה האָט אויף די גאָטהייט קוקען ניט געקענט.
האָט ער זיין געזיכט פאַרדעקט מיט די הענט.
זאָגט גאָט ווייטער : — דער פיין פון מיין פאָלק איז גרויס !
זיינע וועהטאָגען אין מצרים איך וויים !
איך וועל איהם אַרויסנעמען פון דיזען אָרט,
אין כנען איהם פיהרען, וואו מילך און האָניג פליסט דאָרט.
איך האָב געזעהן, ווי די מצרים זיי דריקען,
צו פרעה'ן אין מצרים וועל איך דיר שיקען ! —
זאָגט משה : — ווי קען איך זיך דערמיט פאַרנעמען.
געהן צו פרעה'ן און די אידען אַרויסנעמען ? —
זאָגט גאָט : — האָב ניט מורא, האָסט אַ צייכען פון מיר
אַז איך שיק דיך, און איך וועל זיין מיט דיר,
אַז איהר וועט אַרויס וועט איהר דינען גאָט.
אויף דעם באַרג וועל איך אייך געבען מיין געבאָט. —

זאָגט משה: — אז איך וועל קומען צו זיי וועלען זיי מיך פרעגען:
„ווער איז דער גאָט?“ וואָס זאָל איך זאָגען פון דיינטוועגען? —
זאָגט גאָט: — אז זיי וועלען פרעגען, זאָג זיי גלייך
אז דער גאָט „אהיה“ האָט מיר געשיקט צו אייך.
דער גאָט פון אייערע עלטערען איז דער נאָמען זיינער.
(אויף אייביג בלייבט אזוי דער נאָמען מיינער!)

## ה

געה קלייב צונויף די עלטערע פון די אידען.
וועסט זיי זאָגען מיינע ווערטער, וועלען זיי זיין צופרידען:
„ער וועט אייך ארויסנעמען פון דער לאַנד פון פיין
און וועט אייך פיהרען אין „כנען“ אריין.
איהר זאָגט פרעה'ן: „גאָט האָט זיך צו אונז געטראָפען,
מוזען מיר איהם קרבנות ברענגען, ער זאָל אונז ניט שטראָפען.
דו מוזט אונז לאָזען אויף דריי טעג פריי,
מיר וועלען געהן אין מדבר, אויף אַ טאָג דריי“.
איהר וועט אין די אויגען פון די מצרים קריגען חן,
וועט איהר מיט ליידיגען פון מצרים ניט געהן.
אייערע פרויען זאָלען בעטען גאָלד, זילבער און קליידער.
וועט איהר אנטאָן אייערע קינדער ווי דער סדר.
די מצרים וועט איהר מאַכען ליידיג און לעהר.
אַ באַצאָהלונג וועט דאָס זיין וואָס איהר האָט געאַרבעט שווער. —

## ו

זאָגט משה: — אפשר וועלען די אידען ניט גלויבען מיר?
זיי וועלען זאָגען: „גאָט האָט זיך ניט געוויזען צו דיר.“ —
זאָגט גאָט: — משה, גיב אַ וואָרף דעם שטעקען דיינעם. —
איז אַ שלאַנג געוואָרען פון דעם שטעקען זיינעם.
איז משה אנטלאָפען פון שלאַנג פאַר שרעק.
זאָגט גאָט: — שרעק זיך ניט, כאַפּ איהם פאַר'ן עק. —

משה האָט דעם שלאַנג פאַר'ן עק אָנגענומען.
האָט ער באַלד צוריק זיין שטעקען באַקומען.
זאָגט גאָט משה'ן — לייג אריין אין בוזים די האַנט דיינע.
קרעציג, ווייס ווי שניי, איז געוואָרען די האַנט זיינע.
זאָגט גאָט: — צוריק אין בוזים דיין האַנט לייג אריין. —
איז די האַנט צוריק געוואָרען ווי די לייב זיין.
— און אויב צו די צוויי צייכענס וועלען זיי אויך ניט הערען,
גיב אויף דר'ערד אַ גאָס וואַסער, וועט בלוט ווערען. —
זאָגט משה: — גאָט מיינער! בעט מיך ניט מעהר,
מיין אויסשפּרעך איז שלעכט, איך רעד זייער שווער. —
זאָגט גאָט: — ווער האָט באַשאַפען אַ מויל צו רעדען אין אַ שטומען?
אַ טויבען, אַ בלינדען, אַ זעהענדיגען, אַ גלייכען און אַ קרומען?
איך טו דאָס אַלעס, ניט קיין אַנדערער אַ חוץ מיר.
דו געה צו פּרעה'ן, און ווי צו רעדען וועל איך לערנען דיר. —
זאָגט וויטער משה: — איך קען ניט געהן, זאָג איך דיר.
שיק זיך וועמען דו ווילסט, נאָר הײַם ניט מיר! —
זאָגט גאָט: — דו וועסט צו פּרעה'ן ניט געהן אַליין.
אהרן דיין ברודער וועט דיך באַגעגענען. ער וועט מיט דיר געהן.
דו וועסט איהם זאָגען, און ער וועט שוין ריידען.
און ווי איהר זאָלט טאָן, וועל איך לערנען אייך ביידען.
דו וועסט זיין דער פיהרער, דער הער.
און צו פּרעה'ן און צום פאָלק, רעדען וועט ער.
דיין שטעקען אין האַנט, מיט זיך זאָלסטו טראָגען.
מאַכען מיט איהם די צייכענס וועלכע איך וועל דיר זאָגען. —

פ

משה איז געקומען צו יתרו זיין שווער,
און זאָגט איהם: — איך קען דאָ ניט פאַרבלייבען מעהר.
איך וועל געהן אין מצרים, זעהן וואָס מאַכען די אידען. —

זאָגט יתרו: — אויב דו ווילסט, קענסטו געהן אין פרידען! —
זאָגט גאָט משה'ן: — קענסט רוהיג זיין, בשלום איז דיין גאַנג,
אין מצרים דיינע פיינד, זיינען צושטאָרבען לאַנג.
דו זאָלסט פאַר פרעה'ן די אַלע צייכענס מאַכען.
איך וויים ער וועט ניט הערען, ער וועט דערפון לאַכען.
זאָג איהם: „וועסטו ניט לאָזען געהן מיין זוהן צו מיר,
וועל איך הרג'ענען דיין זוהן, דעם בכור, ביי דיר!"

## ז

משה האָט גענומען זיין ווייב מיט די זיהן
און זיין שטעקען מיט זיך אויך גענומען אהין.
אין וועג איז משה שיעור געטויט געוואָרען,
וואָס ער האָט ניט מל געוועזן זיין זוהן וואָס איז געבאָרען.
האָט צפורה געכאַפּט און מל געוועזן דאָס קינד.
האָט דער מלאך משה'ן באַלד אָפּגעלאָזט געשווינד.
זאָגט גאָט צו אהרן: — געה משה'ן אנטקעגען,
געה אין דעם מדבר, דאָרט איהם באַגעגען. —
די ברידער האָבען זיך באַגעגענט מיט פריידע,
האָבען זיך צוקושט, און צוזאַמען אַוועק ביידע.
זיי האָבען צונויפגעקליבען די אַלטע אידען.
אהרן דערצעהלט זיי און זיי זיינען צופרידען.
אַז גאָט האָט זיי דערמאָנט, האָבען זיי געגלויבט.
זיי האָבען זיך געקניט און גאָט געלויבט!

## פ

משה און אהרן זיינען צו פרעה'ן אַריין,
און זאָגען איהם: — גאָט הייסט, לאָז אַרויס די פאָלק זיין. —
זאָגט פרעה: — איך קען ניט און וויים ניט אייער גאָט,
איך וועל ניט פאָלגען זיין געבאָט. —
— דער גאָט פון די אידען האָט אונז געשיקט צו דיר.

אין זיין נאָמען ריידען געקומען זיינען מיר.
זאָלסט אונז לאָזען אין מדבר, אויף דריי טעג גאַנג,
ברענגען איהם קרבנות איז זיין פאַרלאַנג. —
זאָגט פּרעה: — ווארום זאָלט איהר נאַרעשקייט קלערען,
און דאָס פאָלק פון זייער אַרבעט פאַרשטערען? —
און די מענשען וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען,
האָט פּרעה זיי אַלעמען צו דער אַרבעט געטריבען:
— אומזיסט טוט איהר אַלע ביי מיר דאָ שטעהן,
איהר זאָלט באַלד אַלע צו אייער אַרבעט געהן! —
ער האָט געמאַכט אויף זיי די אַרבעט נאָך שווערער.
ער האָט אָנגעהויבען צו דריקען זיי נאָך מעהרער.
מאַכען די ציגעל, ניט געבען זיי מעהר קיין שטרוי,
אַליין קלייבען אויף די פעלדער געהן זאָלען זיי.
און דער צאָל פון די ציגעל מוז אַלע טאָג ווערען,
פוילער זיינען זיי, טוען יום-טובים אויסקלערען.
אַז זיי וועלען פון היינט שווערע אַרבעט קריגען
וועט זיי קיין נאַרישקייט אין זינען ניט ליגען.

## ח

די נוגשים*) האָבען גענומען די אידען טרייבען,
אַליין פון די פעלדער שטרוי געהן קלייבען.
די נוגשים האָבען, די אידישע שוטרים**) געשלאָגען,
וואָס זיי ווילען דאָס פאָלק צו דער אַרבעט ניט יאָגען.
די שוטרים זיינען געקומען צו פּרעה'ן מיט אַ געשריי:
— פאַרוואָס גיט מען ניט די אידען קיין שטרוי?!
„און פאָדערסט צו מאַכען ציגעל דעם זעלבען צאָל,
ווי אין דער צייט ווען שטרוי איז געווען אַמאָל. —

*) נוגשים — דראַנגער, טרייבער.
** שוטרים — שוטצמענער, פּאָליציי-סאָלדאַט.

זאָגט פּרעה — גרויסע פוילער זייט איהר!
געהן שלאַכטען קרבנות, פאַדערט איהר פון מיר.

געהט אַרבעט. קיין שטרוי וועט מען ניט געבען ווי אַמאָל.
און פון די ציגעל זאָל ניט געמינערט ווערען דער צאָל! —
אַרויסגעהענדיג פון פּרעה'ן, האָבען זיי משה'ן דערזעהן.
זאָגען זיי: — דורך אייך האָט אונז אַן אומגליק געשעהן.
איהר האָט פאַרערגערט אונזער לעבען.
פּרעה'ן אין האַנט אַ שווערד געגעבען.
אונזער לאַגע איז יעצט נאָך פיל ערגער געוואָרן.
איהר האָט אויף אונז גרעסער געמאַכט זיין צאָרן. —
האָט משה גע'טענה'ט צו גאָט: — זינט דו האָסט אונז געשיקט
האָט פּרעה די אידען נאָך מעהר צוגעדריקט.
קיין גוטס מיט דעם האָסטו זיי ניט געבראַכט.
דו האָסט נאָך זייער לאַגע פיל ערגער געמאַכט. —
זאָגט גאָט: — משה, דו וועסט באַלד זעהן
וואָס מיט פּרעה'ן וועט דאָ געשעהן.
די אידען וועלען שוין אין מצרים ניט בלייבען,
פּרעה וועט זיי מיט גוואַלד פון מצרים אַרויסטרייבען! —

פפפ

# וארא

## ט

— איך האָב זיך באַוויזען צו די עלטערען אַמאָל, —
זאָגט גאָט — און צוגעזאָגט זיי עטליכע מאָל,
אַז די לאַנד כנען, וועט צו זייערע קינדער געהערען,
וויל איך יעצט אַז מיין הבטחה*) זאָל מקוים ווערען.

*) הבטחה — צוזאָג

טאָ געה צו די אידען, אין מיין נאָמען זאָג זיי,
אַז איך האָב דערהערט זייער ביטערן געשריי.
איך וועל יעצט פון מצרים אַרויסנעמען אייך,
אין דער לאַנד כנען ברענגען אייך גלייך. —
משה האָט צו זיי גערעדט, האָבען זיי ניט געהערט.
די שווערע אַרבעט האָט זייער מוטה צושטערט.
זאָגט גאָט: — געה צו פּרעה׳ן און זאָג, אַז איך
היים איהם ער זאָל אָפּלאָזען די אידען פון זיך. —
זאָגט משה: — אַז די אידען האָבען ניט געוואָלט הערען,
ווי זאָל פּרעה צו מיינע רייד זיך קערען?
איך קען ניט גוט ריידען. ער וועט פון מיר לאַכען.
ער וועט פון מיינע רייד חוזק מאַכען. —
זאָגט גאָט: — אהרן וועט פון דיינעטוועגען ריידען.
נאָר איך וויים אַז ער וועט ניט הערען אייך ביידען.
איך וועל זיין הארץ מאַכען הארט ווי אַ שטיין.
ער וועט אייך ניט לאָזען פון מצרים אַרויסגעהן.
וועל איך אַזוי לאַנג מוזען איהם שלאָגען,
ביז וואַנען ער וועט אייך פון מצרים אַרויסיאָגען. —
ווען די געשיכטע די גאַנצע איז געשעהן,
איז משה דאַן אַכציג יאָהר אַלט געווען.

ו

זאָגט גאָט — אַז פּרעה וועט פון אייך אַ צייכען באַגערען,
זאָל אהרן וואַרפען דעם שטעקען וועט אַ שלאַנג פון איהם ווערען.
משה האָט געוויזען דעם צייכען מיטן שטעקען.
זאָגט פּרעה — איך האָב זיך גאָר ניט וואָס צו שרעקען. —
ער האָט גערופען די מכשפים*), זיי האָבען דאָס זעלבע געמאַכט.
פּרעה האָט זיין הארץ געשטאַרקט און זיך אויסגעלאַכט.

---

*) מכשפים — צויבערער.

זאָגט גאָט: — משה, זאָלסט אהרן׳ען זאָגען,
ער זאָל מיט דעם שטעקען די וואַסערען שלאָגען.
איז די וואַסערען פון די טייכען וואָס געפינען זיך דאָרט,
וועט בלוט פון זיי ווערן אין יעדען אָרט.

**דם**
אהרן האָט געשלאָגן די טייכען מיטען שטעקען,
איז געוואָרען בלוט אין מצרים אין אלע עקען.
וואו נאָר אַ טייך, וואו נאָר אַ ברונען,
אפילו אין די כלים, וואו וואַסער האָט זיך געפונען.
פרעה האָט דאָס אויך פאַר קיין צייכען באַטראַכט,
ווייל זיינע מכשפים האָבען דאָס זעלבע געמאַכט.
איז זיבען טעג אַרום, אַז די מכה האָט געפעלט,
געהן ווייטער צו פרעה׳ן האָט גאָט משה׳ן באַפעלט.
אויב פרעה וועט ווייטער ניט הערען

**צפרדע**
וועט זיין גאַנצע לאַנד מיט פרעש פול ווערען.
אין די טייכען, אין די הייזער, אין די בעטען פול,
פון זייער געשריי וועט די קעפּ ווערען דול.
— זאָג אהרן׳ען — זאָגט גאָט — אַ מאַכטאָן מיטן שטעקען,
וועט די לאַנד מצרים מיט פרעש זיך באַדעקען.
ווי אהרן האָט נאָר מיט׳ן שטעקען געמאַכט,
האָט גאָט אויף מצרים די פרעש געבראַכט.
האָט פרעה געשיקט משה און אהרן׳ען בעטען
זיי זאָלען תפלה טאָן, דער פרעש זאָל אָפּטרעטען.

זאָגט משה פרעה׳ן:—שטעל מיר אָפּ אַ צייט אויף ווען?
זאָגט פרעה: — איך וויל „מאָרגען" זאָל דאָס געשעהן.
משה האָט גאָט געבעטען, איז איינס ניט געבליבען.
אלע צו׳פגר׳ט, גאַנצע קופּעס אויפגעקליבען.
עס איז לייכטער געוואָרען, האָט פרעה דערזעהן,
איז ער פאַר׳עקשנ׳טער געוואָרען, ווי פריער געוועזן.

האָט גאָט אויף די מצרים נאָך אַ מכה געבראַכט,
כנים פון די שטויב, פון ערד האָט ער „כנים“ געמאַכט,
די כנים זיינען געווען אויף מענשען און אויף פיה.
נאָכמאַכען די זעלבע איז געווען אומזיסט זייער מיה.
זאָגען די חרטומים, — יעצט מוזען מיר פאַרשטיין,
אַז דיזער צייכען איז פון גאָט אַליין. —

## י״א

זאָגט גאָט: — משה, שטעה אויף פריה, געה צום טייך,
אַז פרעה וועט אַהין קומען, זאָג איהם גלייך:
„דו זאָלסט מיין פאָלק פון לאַנד אַרויסשיקען,
ערב און אויב ניט, וועל איך אויף דיר אַן ערב*) אַנשיקען,
אייערע הייזער וועלען מיט איהם פול ווערען,
די פאַרשידענע חיות וועלען דיין לאַנד צושטערען,
און די לאַנד גושן, וואו די פאָלק זיצט מיין,
דאָרטען וועט פון חיות איינע ניט זיין.“
אויף מאָרגען האָט גאָט דעם ערב געבראַכט.
ער האָט דאָס לאַנד מצרים חרוב געמאַכט.
זאָגט פרעה משה'ן: — וויפיל איהר ווילט אַליין,
קענט איהר קרבנות קוילען, נאָר פון לאַנד ניט געהן.—
זאָגט משה: — ווי קענסטו, פרעה, גאָר אַזוי נ טראַכטען?
מיר זאָלען דאָ אין לאַנד קרבנות שלאַכטען!
אַז איהר וועט דאָס דערזעהן, איז אַלע ביז איינער,
וועט איהר אונז פאַרוואַרפען מיט שטיינער.
דו מוזט אונז פון דאַנען אַרויסלאָזען פריי,
מיר וועלען געהן אין מדבר אויף אַ טאָג דריי. —

*) אַ געמיש פון אינזעקטען.

זאגט פרעה: — רעכט, איך לאָז אייך אויף דער צייט,
נאָר איך בעט אייך, איהר זאָלט ניט אוועקגעהן ווייט.
זאגט משה: — איך וועל געהן גאָט בעטען פאַר דיר,
נאָר דו זאָלסט ווייטער ניט אָפּלאַכען פון מיר. —
משה האָט גאָט געבעטען, האָט ער דעם ערב פאַר־
טריבען.
אפילו איינע פון די חיות איז אויך ניט געבליבען.
האָט פרעה זיין האַרץ ווייטער געמאַכט שווער.
פון זיינע רייד חרטה געהאַט האָט ער.

## י"ב

זאגט גאָט: — זאָג פרעה'ן: „דיין האַרץ איז נאָך אַלץ
הארט,
דו האַלטסט נאָך מיין פאָלק ביי דיר פאַרשפּאַרט.
וועט גאָט שיקען אַ מגפה אויף דיינע פיה,
דבר אויף די פערד, אייזלען, שאָף און קיה.
אַ מאָרד דער דבר וועט אַלע דיינע פיה פאַרדאַרבען.
און פון די אידישע וועט קיינע ניט שטאַרבען." —
אויף מאָרגען איז די מגפה געוואָרען.
אַלע פיה פון מצרים זיינען געגאַנגען פאַרלאָרען.
פרעה האָט צו די אידען געשיקט זעהן.
איז ביי זיי דער דבר ניט געווען.
פרעה האָט פאָרט זיין האַרץ געמאַכט האַרט,
ווי פריער פאַר'עקשנ'ט און איינגעשפּאַרט.
הייסט גאָט משה און אהרן נעמען אַ הויפען אַש,
פאַר פרעה'ן אין די אויגען שיטען אויפן גאַס.
די שטויב וועט אויף גאַנץ מצרים פליהען
שחין־ און די שחין וועט אויף די מענשען און פיה בליהען.
קרעץ משה האָט גענומען די אַש, געשאָטען אין דער הויך.
די שטויב איז געפלויגען אין לופטען ווי אַ רויך.

זיינען זיי געוואָרען קרעציג, אַלע ביז איינער.
קיינער פון זיי איז ניט געבליבען קיין ריינער.
נאָר פרעה האָט אַלץ גאָט'ם רייד ניט געוואָלט הערען.
זיין הארץ האָט איהם ניט דערלאָזען בעסער צו ווערען.
זאָגט גאָט: — משה, דו זאָלסט זיך פאַר פרעה'ן שטעלען.
זאָג איהם: „אויב אַרויסלאָזען די אידען וועסטו ניט וועלען,
וועל איך אַלע מגפות אָנשיקען אויף דיר,
דאַן וועסטו וויסען אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אַחוץ מיר.
איך האָב לאַנג געקענט דיר דערשלאָגען,
געלאָזען האָב איך דיר, מיינע וואונדער זאָלסטו זאָגען.
דו טרעטסט נאָך אַלץ אויף מיין פאָלק מיט די פיס,
דו לאָזט זיי ניט אָפּ. קלערנסט נאָך זיי האַלטען געוויס.

**ברד האָגעל**

איך וועל מאָרגען אַ האָגעל אויף אייך געבען.
איהר האָט אַזוינס ניט געזעהן אויף אייער לעבען.
איך גיב אייך אַן עצה, איהר זאָלט פאָרזיכטיג זיין.
אייערע קנעכט און פיה אין הויז נעמט אַריין,
וועמען דער האָגעל וועט אין דרויסען נאָר כאַפּען,
וועט ער אַלץ דער'הרג'ענען, אַלץ צוקלאַפּען."
איז די גאָטס-פאָרכטיגע האָבען אַהיים פאַטריבען,
ביי די אומגלויביגע איז אין פעלד פאַרבליבען.
ווי משה האָט זיין שטעקען צום הימעל געהויבען,
האָבען זיך שרעקליכע דונערען געהערט פון אויבען.
אויף דער ערד האָט געשאָטען אַ האָגעל מיט פייער.
אויף דער גאַנצער לאַנד מצרים אומגעהייער.
אַזאַ מין האָגעל איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזן.
זינט מצרים שטעהט, האָט מען אַזוינס ניט געזעהן.

צוקלאפט מענשען און פיה, גראז אין די פעלדער,
בוימער צובראכען אין גערטנער, אין וועלדער.
נאר אין גושן, וואו די אידען זיינען געווען,
דארטען האט מען קיין האגעל ניט געזעהן.
פרעה האט געשיקט רופען משה׳ן אויף גיך.
און זאגט: — זיי מיר מוחל, זינדיג בין איך!
גאט איז א צדיק, גאט איז גערעכט!
זינדיג בין איך, איך מיט מיינע קנעכט!
בעט ביי גאט קיין האגעל זאל מעהר ניט געהן.
איך וועל זיי ארויסשיקען, זיי וועלען דא מעהר ניט שטעהן.—
זאגט משה: — אז איך וועל נאר ארויסגעהן פון שטאט,
וועל איך פארשפרייטען מיינע הענט, בעטען ביי גאט,
די דונערען וועלען אויפהערען. קיין האגעל וועט ניט געהן.
איהר זאלט וויסען אז גאט געוועלטיגט אליין.
נאר איך דענק, איך צווייפעל אין דעם ניט,
אז איהר האט נאך פאר גאט אלץ קיין מורא ניט.
משה׳ס תפלה האט גאט באלד צוגעהערט,
דער האגל מיט די דונערן האבן אויפגעהערט.
אז קיין האגל איז ניטא האט פרעה דערזעהן.
איז ער געווארען דער זעלבער, ווי פריער געווען.
ער האט חרטה געהאט, געבליבן צופרידען,
און האט ניט געוואלט ארויסשיקען די אידען.

פפפ

# בא

## י״ג

זאָגט גאָט: — משה, געה צו פּרעה׳ן, זיין האַרץ איז שווער.
איך וועל איהם ווייזען, מיינע צייכענס וואָס מעהר,
דו זאָלסט דערצהעלען די קינדער דיינע,
די גרויסע וואונדער און די צייכענס מיינע,
משה און אהרן זיינען צו פּרעה׳ען געקומען,
אין דעם נאָמען פון גאָט צו איהם רעדען גענומען:
— דער גאָט פון די אידען האָט געשיקט זאָגען דיר:
„ביז וואַנען וועסטו זיך ניט אונטערגעבן צו מיר?
ווען דו וועסט נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט זיין,
וועט מאָרגען אין דיין לאַנד אַ היישעריג אריין.
אזאַ היישעריג איז נאָך קיין מאָל ניט געוועזען,
ער וועט באַדעקען דורכאויס, די ערד וועט זיך ניט זעהן.
ער וועט אויפפרעסען די ברויטען, די גראָזען,
וואָס דער פאָריגער האָגעל האָט איבערגעלאָזען.״ —
זאָגען די קנעכט צו פּרעה׳ן: — וויפיל איז דער שיעור
צו ליידען פון זיי? צרות גענוג געהאַט האָבען מיר.
שיק אַרויס דאָס פאָלק, זאָלען זיי זיך געהן,
נאָך ווייסטו ניט אַז איבער זיי קען מצרים אונטער־געהן?
האָט מען משה און אהרן׳ען אומגעקערט גלייך.
זאָגט פּרעה צו זיי: — זאָגט מיר ווער וועט געהן פון אייך?—
זאָגט משה: — וואָס הייסט ווער וועט פון אונז געהן?
אַלע, אַלטע און יונגע פון גרויס ביז קליין.

מיר ווען מיטנעמען מיט אונז די קליינע קינדער,
אונזער פיה, די שאף מיט די רינדער. —
זאגט פרעה: — גאט זאל אייך אזוי באגליקען,
ווי איך וועל מיט אייך אייערע קינדער אויך שיקען.
אט די שלעכטעס וואס איהר ווילט אויף מיר זעהן,
זאל דאס אויף אייך אליין באלד געשעהן.
איהר ווילט גאט דינען, זאלען געהן די גרויסע אליין.
און ארויס פון מיין הויז. צו מיר מעהר ניט געהן! —

## י״ד

משה האט זיין שטעקען אויף מצרים אויפגעהויבען,
א מזרח ווינט בלאזען האט באלד אנגעהויבען.
געבלאזען א גאנצען טאג, און אויך א גאנצע נאכט.
**ארבע** אין דער פריה האט דער ווינד דעם היישעריג גע־בראכט.
א היישעריג א גרויסער איז אין מצרים אריין.
אזוינס ניט געווען, אזוינס וועט ניט זיין.
ער האט אויפגעפרעסען די גראז פון די פעלדער.
אלע פרוכטען פון די גערטנער און וועלדער.
פרעה רופט משה און אהרן׳ען צו זיך.
זאגט זיי: — פאר גאט און פאר אייך זינדיג בין איך.
זייט מיר מוחל דעם מאל, בעט איך פון אייך.
גאט זאל צונעמען אט דעם טויט פון מיר גלייך. —
משה האט גאט געבעטען, האט א מערב ווינד געבלא־זען.
פארטריבען אין ים־סוף דעם היישעריג, קיין איינעם ניט געלאזען.
נאר פרעה האט ניט געהאלטען זיין ווארט
און האט די אידען ניט געלאזען פון דארט.
זאגט גאט: — משה, צום הימעל הויב אויף דיין האנט,

חושך

וועט פינסטערניש ווערען אין דער גאַנצער לאַנד,
משה האָט אויפגעהויבען אין דער הויך זיין האַנט,
איז געוואָרען פינסטער דריי טעג נאָכאַנאַנד.
איינער האָט דעם צווייטען ניט געקענט זעהן.
נאָר וואו די אידען זיינען איז ליכטיג געווען.
זאָגט פרעה משה'ן: — איהר קענט געהן מיט די קינדער,
נאָר שטעלט אָפּ דאָ די שאָף מיט די רינדער. —
זאָגט משה: — פון אונזער פיה וועט אַ פוס ניט בלייבען.
דו וועסט נאָך דיינע געבען און דאַן פון לאַנד טרייבען.
זאָגט פרעה: — היט זיך משה, געה אוועק פון מיר!
ווען דו קומסט נאָך אַמאָל, דעם טויט מאַך איך דיר.
זאָגט משה: — דו זאָגסט מיר זעהר גלייך,
איך וועל שוין מעהר ניט קומען צו אייך!

## ט"ו

זאָגט גאָט: — איך וועל פרעה'ן נאָך איין מאָל שלאָגען.
וועט ער אייך דאַן פון מצרים ארויסיאָגען. —
זאָגט משה פרעה'ן: — אז עס וועט קומען האלבע נאַכט,
שלאָגען די בכורים*) וועט גאָט ארוים מיט זיין מאַכט.
פון פרעה'ס בכור וואָס זיצט אויפן שטול,
מיט טויטע בכורים, וועט די לאַנד ווערען פול.
עס וועט ווערען אין מצרים אַ גרויסער געשריי,
עס איז קיינמאָל נאָך ניט געוועזן אַזוי.
אָבער ביי די אידען וועט זיין רוהיג און שטיל.
אפילו אַ הונד וועט אויף זיי ניט געבען אַ ביל.

*) ערשט געבוירענע זיהן.

דיינע קנעכט וועלען קומען זיך בעטען ביי מיר,
— גיי דו ארויס, און דאס פאלק וואס מיט דיר! —
ערשט דאן וועלען מיר אוועקגעהן פון אייך. —
און משה איז מיט כעס פון פרעה'ן ארויס גלייך.
זאגט גאט משה'ן: — זאג די אידען, אזוי זאלען זיי טאן:
יעדערער זאל בעטען ביי די מצרים אלץ וואס ער קאן;
גאלד, זילבער, קליידער, אלע גוטע זאכען.
די לאנד מצרים זאלען זיי ליידיג מאכען!

## ט"ז

זאגט גאט צו משה'ן: — גיב די אידען צוואוויסען,
אז דער ערשטער חודש אין יאהר, איז חודש ניסן.
דעם צעהנטען טאג זאלט איהר נעמען א באראן*),
נאך דעם צאל פון די מענשען וואס אין הויז איז פאראן,
דעם פערצענטען טאג פאר נאכט איהם קוילען
ניט קאכען איהם אין וואסער, נאר בראטען אויף קויי־לען.
עסען זאלט איהר איהם מיט מצות און כריין,
און איהם זאלט איהר ניט צוברעכען קיין ביין,
איילענדיג איהם עסען, אין וועג זיין גרייט,
מיטן שטעקען אין האנט, אין וועג ווי איהר געהט.
און אויף אייערע הייזער, אויף אלע טירען,
זאלט איהר מיט זיין בלוט אויף די טירען אנשמירען.
די בלוט אויף די טירען וועט א צייכען זיין,
אז דער משחית*) וועט אין שטוב ניט אריין.

*) א שעפס.
*) דער טויט.

דער טאָג זאָל אַ זכרון בלייבען אין יעדען דור,
זיבען טעג יום טוב זאָלט איהר מאַכען אַלע יאָהר.
דעם חמץ פאַר יום טוב אויסראַמען ניט פאַרגעסען.
זיבען טעג נאָכאַנאַנד מצות זאָלט איהר עסען.
ווער עס וועט עסען חמץ, מיין פאַרזאָג ניט הערען,
זאָל זיין נאָמען פון אידען אויסגעמעקט ווערען. —
משה זאָגט די אידען די רייד פון גאָט,
צו מאַכען דעם קרבן פסח ווי זיין געבאָט.
— אַז איהר וועט שוין אין לאַנד כנען אַריין,
זאָל ביי אייך די אַרבעט הייליג זיין.
אַז אייערע קינדער וועלען פרעגען מיט דער צייט,
וואָס די אַרבעט פון פסח אין גאַנצען באדייט ?
זאָלט איהר זיי דערציילען וואָס אַמאָל איז געווען,
וואָס מיט די אידען האָט אין מצרים געשעהן. —
ווי משה האָט זיי אָנגעזאָגט האָבען זיי אַלעם געהיט
און האָבען זיך צו גאָט געבוקט און געקניט.

י״ן

**מכת בכורות**

ווי עס איז געוואָרן ריכטיג האַלבע נאַכט,
האָט גאָט אויף די מצרים מכת בכורות געבראַכט.
פון דעם בכור פון פרעה׳ן וואָס זיצט אויפן שטול.
און אַלע הייזער מיט טויטע בכורים געוואָרען פול.
עס איז געוואָרען אין מצרים אַ געשריי, אַ געוואלד.
פרעה איז פון שלאָף אויפגעשטאַנען באַלד.
צו משה׳ן, צו אהרן׳ען געלאָפען אַליין,
און געבעטען זאָלען גיכער פון מצרים אַרויסגעהן.
— געהט אייך איהר אַלע, צוזאַמען מיט די קינדער,
נעמט מיט זיך אייערע שאָף, די פיה און רינדער. —
זיי האָבען גענומען טרייבען די אידען וואָס גיכער.
זיי זיינען מיט זייער לעבען ניט געווען זיכער.

די אידען האָבען זייער זיסען טייג פאַרפּאַקט,
און אויפן וועג האָבען זיי דערפון מצות געבאקט.
האָבען גענומען ביי די מצרים גאָלד, זילבער וואָס מעהר
און געמאַכט די לאַנד מצרים פּוסט און לעער.
זעקס הונדערט טויזענט מאַן, א חוץ ווייבער און קינדער.
אַן ערב רב, אויך פיל שאָף און רינדער
זיינען אַרויס אין מיטען טאָג, אַלע האָבען געזעהן.
פיר הונדערט דרייסיג יאָהר דאָרטען געווען.
די נאַכט ווען מען האָט זיי פון מצרים געטריבען
איז א „ליל שמורים"*) אויף אייביג פאַרבליבען.

## י"ח — י"ט

זאָגט גאָט: — פון איצט אָן זאָלען די בכורים הייליג ווערען.
פון מענשען, פון בהמות, צו מיר זאָלען געהערען.
איהר געדענקט דעם טאָג, איהר זאָלט ניט פאַרגעסען.
ווען איהר זייט פון מצרים אַרויס, קיין חמץ ניט עסען,
אַז גאָט וועט אייך אין כנען אַריינפיהרען,
זאָלט איהר די אַרבעט אין דעם חודש איינפיהרען,
זיבען טעג מצות עסען, קיין חמץ ניט זעהן,
און דערצעהל דיין זוהן, וואָס מיט דיר איז געשעהן,
מאַך א צייכען אויף דיין האַנט, א זכרון צווישען די אויגען,
וואָס גאָט האָט דיך פון מצרים אַרויסגעצויגען.
אַז דו וועסט קומען אין כנען, ווי גאָט האָט געשוואָרען,
גיב איהם אָפּ די בכורים, וואָס די פּיה וועלען געבאָרען.
דיין אייזעל לייז אוים, א שאָף גיב פאַר איהם אָפּ,
אַז דו לייזט איהם ניט אוים, האַק איהם אָפּ די קאָפּ,
די בכורים פון מענשען, פון דיינע זיהן,
זאָלסטו זיי אויסקויפען אין דער צייט, כדין.

---

*) א נאַכט וואָס גאָט היט די אידען.

אז דיין זוהן אין אַ צייט אַרום וועט פרעגען דיר:
— די גאַנצע אַרבעט צוליב וואָס טוען דאָס מיר? —
דערצעהל איהם וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט,
ווען גאָט האָט אונזערע עלטערען פון מצרים געפיהרט,
גאָט האָט די מצרים געשלאָגען מיט מכות בכורות,
איז דאָס געבליבען ביי אונז אַ געזעץ לדורות;
די בכורים פון פיה, פאַר אַ קרבן אין גאָט'ס געצעלט.
און די בכורים פון מענשען אויסלייזען מיט געלט.
טראָגט אַ צייכען אויפ'ן האַנט, תפילין צווישען די אויגען —
מיט אַ שטאַרקע האַנט אונז גאָט פון מצרים אַרויסגעצויגען.

פּפּפּ כ"

# בשלח

אז פרעה האָט אַרויסגעשיקט דאָס פאָלק פריי,
האָט גאָט ניט געפיהרט זיי, אַרום די פלישתים פאַרביי,
די וועג איז צו נאָהענט, איז ווען אַ מלחמה זאָל ווערען,
וועט זיך דאָס פאָלק, צוריק אין מצרים אומקערען.
האָט גאָט זיי געפיהרט אַרום מדבר, צו דער מעער (ים)
— פון מצרים זיינען די אידען אַרויס מיט געוועהר —
משה האָט מיטגענומען יוסף'ס ביינער, מיט דעם ארון,
ווי יוסף האָט פאַר זיין טויט די ברידער באַשוואָרען.
אויף צו פיהרען די אידען האָט גאָט וואָלקענס געבראַכט,
**עמוד הענן** בייטאָג, **עמוד האש** ביינאַכט.
גאָט האָט ניט צוגענומען די וואָלקענס די צוויי,
זיי זיינען שטענדיג פאַראויס געגאַנגען פאַר זיי.
זאָגט גאָט, — זאָג די אידען צום ים זיך אומקערען.
— אז זיי בלאָנדזשען אין מדבר, — וועט פרעה קלערען,
וועל איך שטאַרקען זיין האַרץ זיך יאָגען נאָך זיי. —
די אידען האָבען געפאָלגט און געטאָן אַזוי.

אז דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן האָט פּרעה דערהערט,
האָט פּרעה מיט זיינע קנעכט זיך גוט באַקלערט:
— מיר האָבען געטאָן זעהר ניט רעכט,
וואָס מיר האָבען אַרויסגעלאָזען אַזוי פיל קנעכט!
שפּאַנט אייערע פערד, — האָט זיי פּרעה געזאָגט.
מיט זעקס הונדערט רייטוועגען די אידען געיאָגט.
גאָט מאַכט שטאַרק פּרעה'ס האַרץ, יאָגען די אידען
און די אידען זיינען געגאַנגען שטאָלץ און צופרידען!

פ

פּרעה האָט זיי דעריאָגט. זיי שטעהען נעבען מעער,
די אידען האָבען זיך געגעבען אַ הינטער אַקער,
האָבען זיי דערזעהן, אַז די מצרים לויפען נאָך זיי,
האָבען זיי צו גאָט אויפגעהייבען אַ געשריי.
און צו משה'ן זיינען זיי מיט טענות געקומען:
— וואָרום האָסטו אונז פון מצרים אַרויסגענומען?
איז דען אין מצרים קיין קברים ניטאָ?
האָסטו אונז געבראַכט אין מדבר גע'הרג'עט ווערען דאָ!
אין מצרים האָבען מיר דיר געזאָגט, אַז ביי אונז איז רעכט,
איידער שטאַרבען אין מדבר וועלען מיר בעסער זיין קנעכט! —
זאָגט משה: — איהר האָט ניט מורא פאַר דעם פיינד,
איהר וועט זעהן די וואונדער, וואָס גאָט וועט טאָן היינט,
אַט די מצרים וואו איהר זייט דאָרטען געוועזן,
מעהר ווי היינט וועט איהר זיי קיינמאָל ניט זעהן.
גאָט אַליין וועט פאַר אייך האַלטען מלחמה.
איהר קוקט און שווייגט, און זעהט נקמה! —
זאָגט גאָט צו משה'ן: — צי איצט איז אַ צייט פאַר דיר,
שטעהן און שרייען און בעטען ביי מיר?
דו הייס די אידען געהן, דער ים וועט זיי ניט פאַרהאַלטען.
דו הויב אויף אויפ'ן ים דיין שטעקען, וועט ער זיך צושפּאַלטען,

זיי וועלען איבער ים אין טריקעניש אַריבערגעהן,
און פּרעה מיט זיין חיל וועלען זינקען ווי אַ שטיין. —
גאָט האָט דעם וואָלקען צווישען זייערע מחנות געבראכט,
האָט דער וואָלקען פאַר די מצרים פינסטער געמאכט.
ביינאַכט האָט אַ שטאַרקער ווינד אָנגעהייבען וויהען (בלאָזען)
און האָט דעם ים צושפּאָלטען אויף צווייען.
די אידען זיינען געגאַנגען — דער ים איז טרוקען געווען.
די וואַסער פון ביידע זייטען, ווי ווענט אויסגעזעהן.
די מצרים האָבען דערזעהן וואָס מיט דעם ים האָט געטראָפען,
זיינען זיי אויך אַלע אין ים אריין געלאָפען.
האָט גאָט אַ בליק געטאָן אויף זיי מיט אַ פייער,
זיינען זיי צוטומעלט געוואָרען, אַלע אומגעהייער.
די רעדער פון די וועגענער צופאַלען, צוברענט.
שווער געשלעפּט זיך, לויפען ניט געקענט.
זאָגען די מצרים: — לאָמיר אַנטלויפען וואָס גיכער,
גאָט אַליין האַלט מלחמה פאַר זיי זיכער!
זאָגט גאָט צו משה׳ן — הויב אויף דיין האַנט וויטער,
וועט דער ים פאַרפלייצען פּרעה׳ן מיט זיינע רייטער. —
משה האָט געטאָן אַזוי, איז דער ים אַוועק מיט צאָרען,
זיינען די מצרים אין ים אויסגעמישט געוואָרען.
די וואַסער האָט זיי צושמעטערט, צוריבען,
קיין איינער פון זיי איז לעבען ניט געבליבען.
**ויושע** גאָט העלפט די אידען פון די מצרים׳ס הענט,
דאַן האָבען זיי גאָט׳ס האַנט דערקענט.
זיי האָבען באַם ים דערזעהן אויף די ברעגען
די דערטרונקענע מצרים זיינען טויטע געלעגען.
זיי האָבען געזעהן גאָט׳ס משפט איז רעכט,
האָבען זיי געגלויבט אין גאָט און אין משה זיין קנעכט!

## כ״א

## אָז ישיר

משה מיט די אידען האָבען זינגען אָנגעהויבען,
פאַר די גרויסע נסים גאָט צו לויבען.
„מיר וועלען זינגען צו גאָט, אונזער הער,
די פערד מיט די רייטער האָט ער געוואָרפען אין מעער.
די שטאַרקייט פון גאָט און די ראָכע זיינע,
דאָס איז געוואָרען די הילף מיינע.
מיין גאָט וועל איך באַשעהנען און לויבען.
דעם גאָט פון מיינע עלטערען וועל איך דערהויבען.
גאָט, דער הער, זעהר העלדיש ער שטרייט,
און אַ גאָט פון רחמים אין דער זעלבער צייט.
פרעה׳ס רייטוועגען מיט זיין חיל, אין ים דערטרונקען.
זיינע גרעסטע גבורים האָבען אין ים געזונקען.
די אָפּגרונטען האָבען זיי באַדעקט איבער קאָפּ,
זיינען געפאַלען ווי אַ שטיין, אין דער טיפעניש אַראָפּ.
זי איז קרעפטיג און שטאַרק, דיין האַנט די רעכטע,
דו צוברעכסט דעם פיינד, מיט דיין האַנט די מעכטע.
דיינע געגנער מיט גרויסקייט צופיהרט האָסטו זיי.
מיט דיין צאָרען האָסטו זיי פאַרברענט ווי אַ שטרוי.
ווי אַ וואַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וואַסער, פון דיין צאָרען,
די אָפּגרונדען פון ים זיינען פאַרגליווערט געוואָרען.
דער פיינד האָט געזאָגט: „איך וועל זיי דעריאָגען גיך,
און זיין רויב וועלען מיר צוטיילען צווישען זיך,
איך וועל אַרויסציהען מיין שווערד פון איהר שייד,
איך וועל אויף זיי ברענגען אָרימקייט און לייד. —
האָסטו אַ בלאָז געטאָן מיט דיין שטאַרקען ווינד,
האָט זיי דער ים באַדעקט אויף געשווינד.
דער שטאַרקער וואַסער האָט זיי פאַרטרונקען,

ווי אַ שטיק בליי זיינען זיי אין ים געזונקען.
ווער איז אַזוי שטאַרק ווי דו? אַ גאָט ביזט איינער!
דיין ליבּ, דיין וואונדער קען ניט דערצעהלען קיינער,
דו האָסט מיט דיין רעכטער האַנט געניינט
האָט זיך די ערד אויף זיי אַרויפגעלייגט.
פיהרסט מיט דיין חסד די פאָלק וואָס דו האָסט באַפרייט.
פיהרסט זיי מיט שטאַרקייט אין וואוינונג פון הייליגקייט,
די פעלקער וועלען ציטערען, אַז זיי וועלען דערהערען.
די איינוואוינער פון פלישתים פאַרציטערט וועלען ווערען.
די שרים פון מואב און אדום וועלען זיך שרעקען.
די איינוואוינער פון כנען פון אַלע עקען,
אַ שרעק וועט אויף זיי פאַלען. און שווייגען ווי אַ שטיין,
ביז דיין פאָלק וועט אויף זיין אָרט קומען צוגעהן.
ברענג זיי, פאַרפלאַנץ זיי אויף דיין באַרג דאָרט,
וואָס דיינע הענט האָבען געגרייט דעם הייליגען אָרט!
גאָט! דיין מלוכה בלייבט אייביג שטעהן,
אַ קעניג אויף אייביג בלייבסטו גאָט אַליין!
אַז פרעה איז געקומען אין ים מיט זיינע רייטער,
האָט דער ים ווי פריהער פאַרפלייצט ווייטער.
אָבער די אידען האָבען געהאַט אַ טרוקענע וועג,
ביז וואַנען זיי זיינען אַריבער אויף דעם צווייטען ברעג!

## פ

מיט אַ פּאַקעל אין האַנט איז מרים געקומען.
אַלע ווייבער האָבען מיט איהר טאַנצען גענומען,
— פאַר גאָט׳ס גרויסע וואונדער לאָמיר זינגען אינאיינעם,
וואָס ער האָט די מצרים דערטרונקען ביז איינעם!

## כ״ב

פון ים האָט משה אָפּגעפירט די אידען אין וועג,
געגאַנגען אין מדבר אָהן וואַסער דריי טעג.

זיינען אין „מרה" געקומען, האָבען וואַסער דערזעהן,
נאָר טרינקען ניט געקענט, עס איז ביטער געוועזן.
דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען מיט משה'ן זיך קריגען,
„וואַסער אויף טרינקען וואו וועלען מיר קריגען?" (נעמען)
האָט גאָט משה'ן געוויזען אַ האָלץ פון וואַלד.
געוואָרפען דאָס אין וואַסער איז זיס געוואָרען באַלד.
דאָרטען האָט גאָט געפּרואווט די אידען,
צי וועלען זיי מיט זיין פיהרונג זיין צופרידען.
און זאָגט — אַז דו וועסט צוהערען אין דעם קול פון גאָט,
און דו וועסט היטען אַלע זיינע געבאָט,
פון די מצרים-קרענק היילען וועל איך דיך.
ווארים איך, גאָט, דיין דאָקטאָר בין איך!

## פ כ"ג

דעם צווייטען חודש געקומען אין מדבר סין,
האָט זיך געענדיגט דער ברויט און שפּייז פון יעדער מין.
האָבען זיי געשריען אויף משה'ן און אהרן:
„שטאַרבען אין מצרים וואָלט אונז ניט אַרען,
אַז מיר זיינען איבער אַ טאָפּ פלייש געזעסען,
ברויט צו זאַט האָבען מיר געגעסען.
וואָס האָסטו אונז אין מדבר געבראַכט?
מיר זאָלען שטאַרבען פון הונגער פאַרשמאַכט?"
— ברויט פון הימעל וועל איך געבען יעדען טאָג, —
— זאָגט גאָט, — איך וועל זעהן צו זיי וועלען היטען מיין פאַרזאָג.
יעדען מאָל אויף איין טאָג זאָלען זיי קלייבען.
פרייטאָג אין צווייען, אויף מאָרגען זאָל בלייבען. —
זאָגט משה: — אין אָוועגד וועט אייך גאָט ווייזען,
אַז ניט מיט ברויט אַליין קען זיך אַ מענטש שפּייזען.
גאָט האָט אייך פון מצרים אַליין געבראַכט אהער.
מיר זיינען ניט שולדיג. איהר קריגט זיך ניט מעהר. —

זאָגט גאָט: — משה, זאָג זיי, זאָלען זיי זיך ניט קריגען,
ביז מאָרגען וועלען זיי אי ברויט, אי פלייש קריגען. —
אין אווענד האָבען פויגלען די מחנה באַדעקט,
גענוג פלייש געוועזען, פאַר זיי אַלעמען געקלעקט.
אין דער פריה, אַז זיי זיינען פון לאַגער אַרויס,
איז אַ נעבעל אַרום לאַגער געוועזען באַדעקט דורכאויס.
ווען דער נעבעל איז אַראָפּ האָבען זיי דערזעהן
ווי פאַרפרוירענע טוי איז פאַרשפּרייט געוועזען.
פרעגען זיי: „מן הוא?" וואָס איז דאָס? (די אייז). —
זאָגט משה: — דאָס האָט אייך גאָט געגעבען שפּייז.
קלייבט צו איין מעסטעל פאַר יעדער פּערזאָן,
נאָך דעם צאָל פון מענשען, פיל עסען ער קאָן. —
פיל זיי האָבען געקליבען, געבראַכט און געצעלט,
איז ביי דעם ניט געוועזען צופיל, און דעם ניט געפעהלט.
זאָגט זיי משה: — יעדער פון אייך זאָל קלייבען,
דערפון זאָל אויף מאָרגען גאָרנישט פאַרבלייבען. —
ביי פילע פון זיי איז אויף מאָרגען פאַרבליבען,
האָט זיך אין דעם מן ווערים פאַרקליבען.
דעם מן וואָס זיי פלעגען אין פעלד לאָזען
פלעגט דאָס די זון ווי וואַסער צולאָזען.
פרייטאאג האָבען זיי צו צוויי מעסטלאַך געצעהלט.
האָבען זיי דאָס דעם וואונדער משה'ן דערצעהלט.
זאָגט משה: — גאָט האָט דאָך געזאָגט: „שבת" איז מאָרגן,
דאַרפט איהר היינט אויף מאָרגען באַזאָרגען.
באַקט און קאָכט, זאָל אויף שבת אויך זיין.
דאָס איבעריגע לאָזט, קיין ווערים וועט ניט אַריין.
מאָרגען איז שבת, רוהט אויף אייער אָרט,
קיין מן אין פעלד וועט איהר ניט געפינען דאָרט. —
אַנדערע זיינען שבת אויך קלייבען געלאָפען,
אָבער זיי האָבען אין פעלד קיין מן ניט געטראָפען.

זאָגט גאָט: — ביז וואַנען וועט איהר מיינע באַפעהלען
היטען זיי און הערען, וועט איהר ניט וועלען?
פרייטאָג האָב איך אייך אויף צוויי טאָג געגעבען,
איהר זאָלט קענען שבת רוהיג זיך לעבען. —
דער געשטאַלט פון מן איז ווי פון „גד" דער זאַם,
און פון טייג מיט האָניג איז געוועזען זיין טעם.
משה הייסט באַהאַלטען אַ מעסטעל פון די שפייז.
אויף דורות זאָל בלייבען אַ זכרון, אַ באַווייז,
וואָס אידען האָבען פערציג יאָהר געגעסען,
ווען זיי זיינען אַמאָל אין מדבר געזעסען.

## כ"ד

אַז זיי זיינען געוועזען מיט ברויט און פלייש זאַט,
קומענדיג אין „רפידים" האָבען זיי קיין וואַסער געהאַט.
ווייטער גענומען מיט משה'ן זיך קריגען:
„וואַסער אויף טרינקען ניטאָ וואו צו קריגען".
די זעלביגע טענות, דער זעלבער געשריי:
— וואָס האָט מען פון מצרים אַרויסגענומען זיי.
„וואָס האָסטו אונז פון מצרים אַרויסגענומען?
מיר זאָלען דאָ מיט די קינדער פון דאָרשט אומקומען?!"
זאָגט גאָט: — משה, נעם דיין שטעקען און שלאָג דעם שטיין,
וועט וואַסער פון איהם אָנהויבען געהן. —
משה האָט אַזוי געטאָן פאַר די אויגען פון די אידען.
זיי האָבען אַלע געטרונקען און געבליבען צופרידען.
אין דעם זעלבען אָרט האָט מיט זיי ווייטער פאַסירט:
עמלק האָט מיט זיי אַ מלחמה פאַרפיהרט.
האָט משה געהייסען יהושע'ן מענטשען אויסקלייבען,
געהן האַלטען מלחמה, עמלק'ן פאַרטרייבען.
אין משה'ס הענט איז געלעגען די ישועה,
אַז ער האַלט די הענט אין דער הויך, געווינט יהושע,

און ווען ער לאָזט די הענט נידעריג אַראָפּ,
שטאַרקט זיך עמלק און הויבט אויף זיין קאָפּ.
משה האָט ניט געקענט האַלטען הויך די גאַנצע צייט .
האָט אהרן און חור איהם געהאָלפען פון דער זייט.
משה האָט ביז׳ן סוף די הענט ניט אַראָפּגעלאָזן,
ביז יהושע האָט מיט נצחון דעם שלאַכט פאַרלאָזען.
גאָט האָט געהייסען אין אַ בוך דאָס פאַרשרייבען.
אַז פון עמלק זאָל קיין זכר פאַרבלייבען.
מיט זיין שטול האָט גאָט געשוואָרען
אַ מלחמה מיט עמלק אויף אייביגע יאָהרען!

פּפּפּ

# יתרו

## כ״ה

יתרו האָט דערהערט וואָס מיט די אידען פּאַסירט,
וואָס גאָט האָט זיי פון מצרים אַרויסגעפיהרט,
האָט ער משה׳ס פרוי מיט די קינדער גענומען
און מיט זיי צו משה׳ן אין מדבר געקומען.
משה מיט די אידען זיינען אַנטקעגען געגאַנגען
און מיט כבוד זיי אַלעמען אַנטפּאַנגען.
משה דערצעהלט וואָס זיי האָט געטראָפען ביז אַהער.
דאָס האָט זעהר געפרייט יתרו׳ן, זיין שווער.
משה האָט זיך געזעצט משפּט׳ן די אידען.
יתרו זעהט דאָס און איז דערפון אומצופרידען.
ער זאָגט משה׳ן: — וואָרום זיצטו אַליין?
און דאָס פאָלק פון פריה ביז אָווענד מוז שטעהן!
עס איז צו שווער, דו וועסט פאַרמאַטערט ווערען;
איך וועל דיר אַן עצה געבען, אויב דו וועסט מיך הערען:

קלייב אוים רעכטע מענשען, קלוגע לייט,
וועלען זיי דיר העלפען אין יעדער צייט.
דו וועסט זיי לערנען געזעצען און דינים אלערליי,
די שווערע וועט זיין פאר דיר, און די גרינגע פאר זיי.
אז דו וועסט דאס טאן און גאט וועט מסכים זיין דערצו,
איז דו און דאס פאלק, וועט איהר האבען רוה. —
משה האט געטאן ווי יתרו האט באפעהלט.
ער האט אויף די אידען שופטים אנגעשטעלט.
די שווערע זאכען האט משה גע'משפט אליין.
מיט די גרינגע פלעגען זיי צו די שופטים געהן.
אז משה האט אלעס גערענדיגט האט ער נאכהער
געשיקט אהיים יתרו'ן זיין שווער.

## כ"ו

אין דעם דריטען חודש, אין יענער צייט,
זיינען זיי געקומען פון בארג סיני נים ווייט.
משה איז ארויף אפן בארג סיני צו גאט,
האט גאט איהם געהייסען זאגען די אידען זיין געבאט.
זאג זיי: — איהר האט געזעהן אין מצרים מיין מאכט,
און אויף פליגלען פון אדלערן אהער אייך געבראכט.
וועסטו מיך הערען און היטען מיין בונד מיט דיר, —
מעהר פון אלע פעלקער געליבט וועסטו זיין ביי מיר. —
משה האט זיי איבערגעגעבען גאט'ס רייד.
זיי ענטפערען: — וואס גאט זאגט וועלען מיר טאן מיט פרייד. —
זאגט גאט: — משה, געה צו די אידען און זאג:
זאלען זיין גרייט צו דעם דריטען טאג,
מאך א גרעניץ, זיי זאלען פון וויטען שטעהן.
נאהענט צום בארג סיני זאלען זיי נים געהן.
אויפן בארג ארויפגעהן טאר נים קיינער.
ווער עס וועט ארויף, זאל מען איהם פארווארפען מיט שטיינער.

אז מען וועט מיט אַ שופר אַ תקיעה בלאָזען,
מעג מען דאָס פאָלק אויפן באַרג אַרויפלאָזען. —
דעם דריטען טאָג האָט געדונערט, געבליצט פון אויבען.
אַ גערדיכטער וואָלקען האָט דעם באַרג באַצויגען.
שופרות האָבען שטאַרק געטרומייטערט,
דאָס פאָלק איז לאַגער האָט פון שרעק געציטערט.
משה האָט זיי צום באַרג סיני געפיהרט,
אונטערן באַרג געשטעלט זיי, איהם ניט אָנגערירט.
גאָט איז אַראָפּ אויפן באַרג מיט אַ פייער.
דער באַרג האָט גערויכערט, געציטערט אומגעהייער.
גאָט הייסט משה׳ן אויפ׳ן באַרג אַרויפגעהן.
און דאָס פאָלק מיט די כהנים זאָלען פון ווייטען שטעהן.

## כ״ז

## עשרת הדברות

א״ איך בין דיין גאָט, פון מצרים אויסגעלייזט דיר.
ס׳איז ניטא קיין אַנדער גאָט אַ חוץ מיר.
ב״ פרעמדע געטער זאָל זיך ביי דיר ניט געפינען,
ניט מאַך קיין בילדער, צו זיי זאָלסטו ניט דינען.
קיין געשטאַלט פון דר׳ערד, פון הימעל פון אויבען,
ניט בוק זיך צו זיי, אין זיי זאָלסטו ניט גלויבען.
אַ גאָט פון צאָרען בין איך, אז מען איז ניט טריי צו מיר.
איך שטראָף פאַר זינד, אויף דורות דריי, פיר,
און אויף טויזנטער דורות חסד טו איך
צו די וואָס היטען מיינע מצות און פאָלגען מיך.
ג״ מיט גאָט׳ס נאָמען זאָלסטו פאַלש ניט שווערען.
פאַר שווערען פאַלש באַשטראָפט וועסטו ווערען.
ד״ דעם טאָג פון שבת געדענקען זאָלסטו,
הייליג מאַך איהם, געפין אין איהם רוה.

זעקס טעג טוה די ארבעט דיין,
דעם זיבעטען טאָג רוהיג זאָלסטו זיין.
דיין זוהן, דיין טאָכטער, דער גר, די פיה און די שקלאַפען.
ווייל אין זעקס טעג האָט גאָט די וועלט באַשאַפען.
דעם זיבעטען טאָג אין רוה פאַרבראַכט.
האָט געבענשט דעם טאָג און היילעג געמאכט.

ה" דיין פאָטער און מוטער זאָלסטו כבוד געבען,
וועסטו פיל טעג און יאָהרען לעבען.

ו" דו זאָלסט ניט רויבען. קיין רוצח ניט ווערען.

ז" מיט פרעמדע פרויען זאָלסט ניט פאַרקערען.

ח" גנב'ע ניט, נעם ניט וואָס ניט דיין.

ט" קיין פאַלשער עדות זאָלסטו ניט זיין.

י" ניט געלוסט קיין פרעמדע הויז וואָס דיר געפעלט,
זיין פרוי, זיין קנעכט, זיין דינסט און זיין געלט!

דאָס פאָלק האָט געהערט און געזעהן די קולות, די פלאַמען,
האָבען זיך דערשראָקען, געשטעלט זיך פון ווייטען צוזאַמען.
זאָגען צו משה'ן: — רעד דו צו אונז, מיר ווילען הערען פון דיר,
הערען פון גאָט, שטאַרבען וועלען מיר. —
זאָגט משה: — שרעקט זיך ניט, האָט ניט מורא דערפאַר.
אין גאָט'ס רייד איז ניטאַ קיין געפאַר.
גאָט וויל אייך דערמיט דערהויבען,
איהר זאָלט זינדיג ניט זיין און איהם גלויבען.
אויפן באַרג האָט איהר קיין געשטאַלט ניט געזעהן.
מעהר ניט ווי גאָט'ס שטימע איז געהערט געוועזן.
מאַכט ניט פון זילבער, פון גאָלד קיין געטער פאַר מיר,
א מזבח פון ערד בויען זאָלט איהר.
דו זאָלסט ברענגען דיינע קרבנות אויף יענעם אָרט,
וואו דו דערמאָנסט מיין נאָמען, בענש איך דיר דאָרט.

די שטיינער פון מזבח ניט האק מיט אן אייזען.
ניט קריך אויף טרעפּ אויפ'ן מזבח, זאָלסט דיין שאַנדע ניט ווייזן!

פּפּפּ כ"ח

# משפּטים

דאָס זיינען די משפּטים, דינים אַלערליי,
וועלכע דו זאָלסט די אידען איבערגעבען זיי.
אַז דו וועסט קויפען אַ אידישען קנעכט,
זאָל ער ביי דיר האָבען אַלע מענשען רעכט.
ער זאָל ניט דינען ביי דיר מעהר פון זעקס יאָהר,
אויף דעם זיבעטען לאָז איהם פריי, אָהן געלט גאָר.
איז ער אָהן אַ פרוי געקומען, זאָל ער געהן פריי אליין,
האָט ער אַ פרוי געהאַט, זאָל זי אויך מיט איהם געהן.
אַז זיין הער וועט איהם אַ דינסט פאַר אַ פרוי געבען
און ער וועט מיט איהר קינדער דערלעבען.
און ער וועט זאָגען: — איך האָב ליב מיין הער,
מיין ווייב, מיינע קינדער, מיר איז שיידען מיט זיי שווער, —
זאָל זיין הער נעמען איהם צום ריכטער, פיהרען איהם צום טיר,
און שטעכען איהם דעם אויער, און אייביג דינען ביי דיר.
דיין אידישע דינסט, ניט באַהאַנדעל זי שלעכט.
זי זאָל ניט געהן פריי ווי די גוי'אישע קנעכט*).
לאָז זי זיך אויסלייזען. אַז דו באַהאַנדעלסט זי שלעכט,
פאַרקויפען זי צו אַ צוויטען האָסטו ניט קיין רעכט.
אַז דו וועסט איהר צו דיין זוהן פאַר אַ פרוי אָפּגעבען,
ווי אַלע אידישע טעכטער זאָל זי ביי איהם לעבען.
אויב נאָך אַ פרוי צו איהר וועט נעמען דיין זוהן,
איז אַלץ וואָס אַ פרוי קומט זאָל זי ניט געמינערט ווערען דערפון.

---

*) אַ גוי'ישער קנעכט געהט ארויס פריי, אַז מען שלאָגט איהם אויס אַן אויג, אַ צאָן.

און אויב ער וועט ניט טאָן איינס פון די דריי,
מוז ער אָהן געלט ארויסלאָזען זי פריי!
אַז איין מענטש וועט הרג'ענען דעם צווייטען,
באַדאַרף מען דעם רוצח אויך טויטען.
אָבער אויב הרג'ענען איהם האָט ער ניט געטראכט,
פאַר אַזאַ רוצח זאָל זיין אַן ערי-מקלט געמאַכט.
אָבער אַז ער איז אַן אמת'ער רוצח,
טויטען זאָלסטו איהם, נעם איהם אַראָפּ פון מזבח.
פאַר שילטען אָדער שלאָגען אַ פאָטער, אָדער אַ מוטער,
טויט איהם, ער איז אַ זוהן ניט קיין גוטער.
אַז איינער וועט שלאָגען אַ מענשען מיטן האַנט, מיט אַ שטיין,
שטאַרבען וועט יענער ניט, נאָר אַ קראַנקער ארומגעהן,
איז קיין טויט-שטראָף קומט איהם ניט, ער בלייבט לעבען,
נאָר היילען מוז ער איהם, און אויף הוצאות געבען.

## כ"ט

אַז איינער וועט זיין געקויפטען קנעכט צום טויט שלאָגען
איז ווי יעדער רוצח, מוז ער זיין שטראָף טראָגען.
אָבער אַז דער קנעכט וועט נאָך אַ פאָר טעג לעבען,
קומט איהם ניט טויטען, ווייל ער האָט פאַר איהם געלט געגעבען.
אַז צוויי מענשען וועלען זיך קריגען און אומגערען
וועט אַ שוואַנגערע פרוי פון זיי ניזק ווערען,
זי וועט אַ קינד מפיל זיין, און בלייבען לעבען אליין,
באַדאַרפען זיי פאַר דעם מפיל צאָלען און פון טויט ריין.
אָבער אויב מיט דער פרוי וועט אויך אַן אומגליק זיין,
צי טויט שטראָף, צי געלט, איז אַ מחלקות פון חז"ל*) דעריין
אַז איינער וועט אויסשלאָגען דעם צווייטען אַן אויג, אַ צאָן,
איז פאַר יעדען מום וואָס ער וועט דעם צווייטען טאָן,
באַצאָהלט ער דעם שאדען וואָס דער מום האָט געבראכט.

*) חז"ל — אונזערע חכמים פון תלמוד זכרם לברכה.

(אזוי האָבען די חכמי התלמוד דעם דין באַטראַכט).
אז אַ מענטש שלאָגט אוים אַ צאָן, אָן אויג זיין קנעכט,
געהט דער קנעכט פריי. האַלטען איהם האָט ער ניט קיין רעכט.
אז אַן אָקס וועט טויטען אַ מענטשען, מיט די הערנער אַ שטויס,
זאָל מען איהם פאַרשטיינערען און ניט עסען זיין פלייש.
און זיין בעל-הבית דאַרף מען ניט באַשטראָפען
אויב עס האָט דעם ערשטען מאָל געטראָפען.
אויב היטען דעם אָקס האָט מען איהם געהייסען,
און דער אָקס האָט נאָך אַמאָל געשטויסען.
באַדאַרף מען דעם בעל-הבית באַשטראָפען דערפאַר,
וואָס ער האָט ניט איינגעהיט מענטשען פון געפאַר.
אז דער אָקס וועט טויטען קליינע קינדער
איז דער שטראָף דער זעלבער, ניט מינדער.
אז ער וועט טויטען אַ געקויפטען קנעכט,
מיט דרייסיג שקלים קען ער אויסקויפען זיין רעכט.
אז איינער וועט אין גאַס אַ גרוב אויסגראָבען
און ניט באַדעקט זי מען זאָל קיין שאדען האָבען,
און אַן אָקס, אַן אייזעל וועט אַריינפאַלען אַהין,
אָדער נאָך אַזעלכע פון זעלבען מין*)
פון דעם גראַבער דאַרף דער שאדען באַצאָהלט ווערען.
און דער טויטער באַדאַרף צו איהם געהערען.
אז איינעמס אָן אָקס וועט שטויסען אַן אָקס פון אַ צווייטען,
דאַרפען זיי זיך צוטיילען, דעם לעבעדיגען און דעם טויטען.
אז מען האָט איהם מתרה*) געווען און ער וועט ניט הערען,
באַצאָהלט ער אינגאַנצען און די נבילה וועט צו איהם געהערען.
אז איינער גנב'עט אַן אָקס אָדער אַ שאָף,
און ער קוילעט זיי, אָדער פאַרקויפט, איז זיין שטראָף

---

*) אדם וכלים בבור איז פטור, כן אמרו חז"ל.
*) מתרה געווען — אָנגעזאָגט איהם.

פינעף פאַר אַן אָקס און פיר פאַר אַ שאָף.
אַז דער אָקס צי די שאָף וועט ביי איהם בלייבען לעבען,
דאַרף דער גנב אין צווייען פאַר זיי געבען.
אַז אַ גנב וועט אַ הויז אונטערגראָבען,
און מען האָט איהם געטויט, קאָן מען קיין טענות ניט האָבען.
אָבער אַז ס'איז קלאָר אַז פון גנב איז קיין געפאר,
דאַרף מען דעם מערדער באַשטראָפען דערפאַר.
ווען דער גנב האָט ניט צו באַצאָלען, איז רעכט,
מען זאָל דעם גנב פאַרקויפען פאַר אַ קנעכט.
ווען איינעמס פיה וועט אין אַ פעלד שאָדען טאָן,
דאַרף ער באַצאָהלען פון דאָס בעסטע וואָס ער קאָן.
אַז פון איין פייער ברענט אָפּ דעם צווייטענס שייער,
דאַרף באַצאָהלען דער וואָס צינד אָהן דעם פייער.

ל"

שומרים איז דאָ פיערערליי,
פאַרשיידענע דינים איז ביי זיי.

## שומר חינם

אַז מען גיט איינעם היטען און ער היט אומזיסט.
אַז מען גנב'עט ביי איהם, באַצאָהלט ער ניט.
ער שווערט נאָר אַז ער האָט פאַר זיך ניט גענומען.
ווען ער נעמט פאַר זיך, דעם שטראָף פון אַ גנב וועט ער באַקומען.

## שומר שכר

ווען דער שומר נעמט געצאָהלט פאַר זיין מיה,
און איינער וועט איהם געבען היטען זיינע פיה.
און די בהמה וועט פגר'ען, אָדער געפאַנגען ווערען.
און קיין עדות איז ניטא, באַדאַרף דער שומר שווערען,

אז אין פעלד האט איהר צוריסען א טהיר (א חיה),
דארף דער שומר שכר ברייננגען א שטיקעל פון איהר.

## שואל

אז דו אנטלייסט א בהמה, זי איז אין ארבעט געווען,
און זי איז גע'פגר'ט אדער אן אנדער סבה געשעהן,
איז אויב איהר בעל-הבית איז ניט געווען מיט דיר
דאן מוז דער שואל באצאהלען פאר איהר.
אבער אז דער בעל-הבית איז דערביי געווען
דארף דער שואל ניט באצאלען, דער בעל-הבית האט דאך געזען.

## שוכר

אז דו דינגסט זי ארבעטען מיט איהר,
דארפסטו ניט באצאלען, זי איז געדונגען ביי דיר.
פאר שלאכטען צו פרעמדע געטער, קומט דערפאר טויטען,
דו שלאכט צו גאט נאר אליין, און ניט צו א צווייטען.
איהר זאלט ניט נארען, און ניט דריקען דעם גר.
איהר זיינט אליין גרים געווען אין מצרים ביז אהער.
דער אלמנה, דעם יתום איהר פייניגט ניט זיי,
אז זיי װעלען שרייען, וועל איך דערהערען זייער געשריי,
וועט ברענען מיין צארען, וועל איך הרג'ענען אייך,
אייערע ווייבער און קינדער וועלען זיין צו זיי גלייך.
אז דו אנטלייסט אן ארימאן געלט, מאן איהם ניט שטארק,
נעם ביי איהם קיין פראצענט, ניט זיץ איהם אויפ'ן קארק.
אז דו נעמסט א משכן ביי איהם, זיין קלייד צו זיך,
אז עס ווערט נאכט, קער איהם אום צוריק אויף גיך,
זיין איינציגע קלייד אויף זיין לייב איז זי דאך דאס.
לייגען זיך שלאפען וועט ער ניט האבען אויף וואס.
ווארום אז ער וועט זיך באקלאגען אויף דיר,
וועט גלייך זיין געשריי אנקומען צו מיר.

איך וועל דערהערען און וועל דיר שטראָפען אויף גיך.
ווארום אַ דערבאַרעמדיגער גאָט בין איך!

## ל"א

פאַרשעם ניט און לעסטער ניט דעם נאָמען פון גאָט.
שילט ניט און פלוך ניט דעם פירשט פון שטאָט.
פאַרהאַלט ניט די תרומה*) און בכורים**) וואָס ביי דיר,
דיין ערשט געבאָרענע זיהן מאַך הייליג צו מיר.
מיט אַ קאַלב, מיט אַ שאָף, זאָלסטו זיך אַזוי באַגעהן,
מיט זייער מוטער, זיבען טעג זאָלען זיי שטעהן.
אַז דער זיבעטער טאָג וועט פעלען,
פאַר אַ קרבן קענסטו ברענגען, אַז דו וועסט וועלען.
הייליגע מענשען זאָלט איהר זיין ביי מיר,
אַ טריפה בהמה, עסט ניט פון איהר,
ניט פאַרקויף זי דיין ברודער, ער איז הייליג ווי דו,
וואַרף דאָס דעם הונט, ער איז באַרעכטיגט דערצו***).

## פ

פאַרנעם ניט קיין פאַלשע רייד, קיין רכילות ניט הערען,
מיט דעם רשע מאַך ניט איין האַנט, אַ פאַלשער עדות ווערען.
האַלט ניט מיט דער מערהייט, ווען זיי זאָגען שלעכט,
ניט קוק אויף זיי, דו זאָג וואָס איז רעכט.
דו זאָג ווי עס ווייזט דיר דיין שכל, דיין זין,
כאָטש מיט דער מערהייט בלייבט תמיד דער דין.
אין דין האָב ניט קיין מיטלייד אויף דעם אָרימאַן.
באָם דין און משפט, איז קיין רחמנות פאַראַן.

---

*) תרומה — אַ חלק פון דיינע תבואה צום כהן.
**) בכורים — די ערשטצייטיגע פרוכט.
***) דעם הונט קומט דאָס פאַר לא יחרץ כלב לשונו.

און אזוי ווי מען טאָר ניט קיין רחמנות לייגען,
אזוי טאָר מען ניט דעם אָרימאַנס דין אפּנייגען.

פ

אז דער אָקס פון דיין פיינד ווערט פאַרבלאָנדזשעט ווערען,
זאָלסטו איהם צוריק צו זיין היים אומקערען.
אז דו זעהסט דיין פיינד'ס עזעל, ליגט אונטער זיין לאַסט,
העלף איהם אוף פאַרלאָז, וואָס דו האָסט איהם געהאַסט.
פון פאַלשקייט זיי ווייט, הרג'ע ניט דעם גערעכטען.
איך אליין וועל זיך רעכענען מיט דעם שלעכטען.
זעקס יאָהר זעע דיין פעלד, די ברויט קענסטו קלייבען,
דעם זיבעטען גיב רוה, און די געוואקסענע פאַר אָרימע זאָל בלייבען.
און די איבעריגע פאַר די חיות פון פעלד, זאָל דאָס זיין.
אזוי טו צו די גערטנער, פון אוילבערטען און וויין.
זעקס טעג ארבעט און דעם זיבעטען טאָג רוה,
זאָל רוהען דיין אָקס, דיין עזעל, און דער גר, אויך ווי דו.
אַלץ וואָס איך זאָג דיר, געהיט זאָל דאָס ווערען.
דער נאָמען פון אָפּגעטער פון דיין מויל זאָל מען ניט הערען.
יום טוב זאָלסטו מאַכען דריי מאָל אין יאָהר*)
די זיבען טעג פסח זאָלסטו עסען מצות נאָר.
פריהלינגסצייט האָט גאָט פון מצרים אַרויסגעפיהרט דיר
מיט ליידיגען אין ירושלים ווייז זיך ניט פאַר מיר.
דער יום טוב וואָס דו קלייבסט בכורים**), די ערשטצייטיגע ברויט,
דער יום טוב וואָס דו קלייבסט וואָס אויפן פעלד צושפּרייט***),
דריי מאָל אין יאָהר, ווען די יום טובים וועלען געשעהן
זאָלען אַלע מענער קומען, פאַר גאָט זיך זעהן.

---

*) שלש רגלים, פסח, **) שבועות,
***)סכות חג האסיף.

ניט שלאַכט דעם קרבן פסח, ביז דעם חמץ ראַמסט אויס,
לאָז ניט איבער פון איהם, ביז די זון וועט אַרויס,
די ערשטע פון דיינע פרוכט, (בכורים) ברענג זיי צו גאָט,
ניט קאָך אַ ציגעלע אין איהר מוטער׳ס מילך, וואָס זי האָט!

## ל״ב

איך וועל שיקען מיין מלאך, ער וועט געהן מיט דיר.
היטען דיך אין דעם וועג, וואָס דו געהסט אין איהר.
היט זיך פאַר איהם, דו הער וואָס ער וועט זאָגען.
אין מיין נאָמען רעדט ער. ער וועט דיין זינד ניט פאַרטראָגען.
אַז דו וועסט צוהערען אַלץ וואָס איך וועל דיר זאָגען,
וועל איך האַסען דיין פיינד וואָס טוט דיך פאַריאָגען.
דער מלאך וועט געהן, אין לאַנד כנען דיך ברענגען.
ער וועט אַלע פעלקער פון דאָרטען אומברענגען.
זאָלסט ניט דינען זייערע געטער, ניט טאָן ווי זיי.
צוברעכען זאָלסטו זייערע מזבחות אַלערליי.
אַז דו וועסט גאָט דינען, וועט ער בענשען דיין עסען, דיין טרינקען
און ער וועט אָפּטאָן פון דיר אַלערליי קרענקען.
צו דער צייט וועסטו דיינע קינדער געבוירען*),
און איך וועל ערפילען דעם צאָל פון דיינע יאָהרען.
אַלע פעלקער וועל איך ניט פאַרטרייבען מיט איין מאָל.
אין אַ וויסט לאַנד קענען זיך מעהרען חיות אָהן אַ צאָל.
דיין לאַנד וועט זיין גרוים ביז ים סוף, דער גרעניץ פון איהר,
אַלע פעלקער וועל איך פאַרטרייבען פאַר דיר!
ווען זיי וועלען אין לאַנד פאַרבלייבען, וועסטו זינדיג ווערען.
די פעלקער וועלען שטענדיג דיין רוהע פאַרשטערען.
אַז משה האָט פאַר זיי גאָט׳ס רייד געלעזען
זיינען זיי אַלע צופרידען געוועזען.

*) משכלה, וואָס האָט דאָס קינד פאַר דער צייט.

מיט איין קול האָבען געענטפערט אַלע: „מיר טוען, מיר הערען !*)
איינס פון גאָט׳ס פאַרזאָג וועלען מיר ניט פאַרשטערען״.
זאָגט גאָט משה׳ן: — געה אַרויף אויפן באַרג צו מיר,
איך וועל די לוחות איבערגעבען דיר. —
משה איז אַרויף אויפן באַרג אין דער הויך.
האָט איהם באַדעקט אַ וואָלקען מיט אַ רויך,
פערציג טעג און נעכט איז ער דאָרטען געזעסען,
די גאַנצע צייט ניט געטרונקען, ניט געגעסען.

## פפפ ל״ג

# תרומה

גאָט זאָגט צו משה׳ן: — זאָלסט די אידען זאָגען,
אויף בויען אַ משכן זאָלען זיי נדבות טראָגען.
גאָלד, זילבער, קופער און וואָל אַלערליי,
צעדער-האָלץ, באַראנעם-פעל, ברענגען זאָלען זיי.
געווירצען אויף קטורת, און בוימעל זאָל זיין ריינער,
און צום חושן און אופד*), דימענטענע שטיינער.
צו גאָט זאָלען זיי ברענגען די אַלע זאַכען.
וועל איך רוהען אין דעם משכן, וואָס איהר וועט מאַכען.
מאַך אַן ארון**) פון האָלץ, און מיט גאָלד איהם באַדעקען.
און צוויי בדים***) אויף טראָגען זי פוןביידע עקען.
אַ צודעק אויף דער קאַסטען, און כרובים צוויי,
פון ביידע זייטען פון דעק שטיין זאָלען זיי.
מיט די פנים׳ער, איינער אַנטקעגען דעם צווייטען.

---

*) נעשה ונשמע.
*) חושן, אופד — צוויי בגדים פון כהן גדול.
**) ארון — אַ קאַסטען.
***) בדים — שטאַנגען.

און מיט זייערע פליגלען אויפן ארון פארשפרייטען.
אין קאסטען אריינלייגען, די לוחות, די צוויי,
וועלכע איך האב אויפן בארג סיני געגעבען דיר זיי.
און צווישען די כרובים, צווישען זייביידען,
וועט זיך הערען מיין קול, וואס איך וועל צו דיר ריידען.

פ

א טיש (שלחן) זאלט איהר מאכען, מיט גאלד באדעקען.
מיט גאלדענע רינגען, אויף אלע פיר עקען.
און בדים טראגען איהם, פון איין ארט אין צווייטען.
און מיט דעם לחם הפנים*) דעם טיש זאל מען גרייטען.
מאכען א מנורה פון גאלד, מיט זיבען רערען.
פון איין שטיק גאלד געמאכט זאל זי ווערען.
צו דריי רערען פון די זייטען, איינע אין מיטען.
און בעכער מיט בלומען פון איהר אויסגעשניטען.
דו זאלסט ריכטיג זי מאכען, זאלסט ניט פארגרייזען.
קוק זיך איין גוט, ווי איך וועל דיר באווייזען.
א משכן פון ברעטער מאכען, זאל זיין געשלאסען אין איינעם,
פון אויבען באדעקען זיי מיט גאלד ריינעם.
די לענג פון משכן דרייסיג איילען, די ברייט צעהן,
מיט פארהאנגען פארהאנגען, די ברעטער ניט זעהן.
ברעטער זאל נאר אין דריי זייטען זיין.
דער פערטער דורך א פארהאנג א טיר אין משכן אריין.
אין משכן מיט א פארהאנג אפטיילען צעהן איילען,
דעם קדשי קדשים פון משכן אפטיילען.
אין קדשי קדשים שטעלען דעם ארון מיט דער תורה.
און אין משכן דעם טיש, מיט דער מנורה.

*) כרובים — פויגלען.
*) לחם הפנים — צוועלף חלות געלעגען אויפן טיש פון שבת צו שבת.

אין דרום זייט די מנורה, מיט איהרע זיבען ליכט,
אין צפון זייט דעם טיש, מיט די חלות צוגעריכט.
א מזבח מאך פון האלץ, אויבען מיט קופער באדעקען.
טעפ פאר אש, בעזימלאך און קופערנע בעקען.
גאפלען, פאנען, און נאך אזוינע זאכען,
אט די אלע כלים פון קופער זאל מען מאכען.
מיט ערד זאל מען אנפיהלען דעם פוסטען מזבח,
אויף איהם קרבנות ברענגען, צו גאט א ריח-ניחוח.
צום משכן און מזבח א הויף זאל זיין
פון מזרח זייט זאל מען דורך א טויער אריין.
די לענג און די ברייט פופציג איילען, און פינף די הויך.
און די ווענט פון הויף פון פארהאנגען זאלען זיין אויך.

פפפ ל״ד

# תצוה

דו זאג אן די אידען, זאלען שמן זית*) ברענגען דיר,
ברענען ליכט אין דער מנורה, אין משכן פאר מיר.
פון די נדבות-געלט, זאלט איהר מאכען,
פאר אהרן-ען מיט די זיהן הייליגע זאכען.
די קליידער זאלען אויף אהרן'ען מיט די זיהן זיין
ווען זיי ווען זיי ווען גיין דארפען צו דער עבודה אין משכן אריין.
פאר די זיהן מאכט העמדער, הויזען, גארטלען און א מיץ.
אהרן'ען מאכט נאך דערצו, א חושן ואופד, א מעיל און א ציץ.
דער אופד זאל זיין פון וואל מיט גאלדענע פעדים געדרייט,
און צוויי אקסעל-בענדער צו איהם צוגענייט.
אין די אקסעל-בענדער איינפאסען דימענטען צוויי,
די נעמען פון די צוועלף שבטים, אויסגעקריצט אויף זיי.

*) שמן זית, בוימעל פון אוילבערטען אויסגעקוועטשט.

א זכרון פון ישראל׳ס קינדער, וועלען די שטיינער זיין,
אהרן זאָל אויף זיך טראָגען אז ער וועט אין משכן אריין.
אויך זאָלסטו א „חושן״ מאַכען, פון דעם זעלביגען מין.
פיר ציילען שטיינער אריינזעצען אהין.
צו דריי שטיינער אין אָ צייל, זאָלען זיי זיצען,
די נעמען פון ישראל׳ס זיהן אויף זיי אויסקריצען.
מיט צוויי גאָלדענע קייטלאך צום אופד צובינדען,
דער חושן זאָל פון אהרן׳ס הארצען ניט פארשווינדען.
די אורים ותומים, וועלכע וואונדער זאָגען,
זאָל אהרן צו דער עבודה אויפן הארצען טראָגען,
די מעיל-העמדעל — זאָל מיט מילגרוימען און גלעקלאך זיין,
מען זאָל הערען אז אהרן וועט אין משכן אריין.
אויפן שטערען זאָל ער טראָגען א גאָלדענעם ציץ,
מיט א בלוי פאָדים איהם צובינדען צו דער מיץ,
קודש לה״ זאָל מען אויף דעם ציץ אויסקריצען,
מיט איהם וועט אהרן אויף די הייליגקייט באשיצען.
פאַר אהרן׳ס זיהן זאָלט איהר פיר קליידער מאַכען.
העמדער, גארטלען, הייזען, היטלען, נאָר פיר זאַכען*.
און דו זאָלסט נעמען אָט די אלע הייליגע קליידער,
אָנטאָן אהרן׳ען און די זיהן, אלעמען כסדר,
די קליידער זאָלען זיי טראגען ווען זיי קומען גאָט דינען,
דאָן וועלען זיי קיין טויט-שטראָף ניט פארדינען.

## ל״ה

אזוי זאָלסטו טאָן הייליג צו מאַכען זיי.
זאָלסט נעמען אָן אָקס און בארעס צוויי.
און די ברויט מיט חלות וואָס דו וועסט מאַכען,

*) אהרן׳ס קליידער אכט, כתונת, מכנסים חגורה מגבעת, חושן אופד מעיל ציץ. די זינס קליידער פיר: כתנות, מכנסים, חגורות, מגבעות.

זאָלסטו דאָס אריינליייגען אין אַ קאָרב די אַלע זאַכען.
אהרן׳ען אנטאָן אַכט בגדים, די קינדער צו פיר,
דערמיט וועלען זיי ווערען כהנים פאַר מיר.
דעם אָקס זאָלסטו צום טיר פון משכן צופיהרען.
אהרן מיט די זיהן זאָלען דעם אָקס קאָפּ באַריהרען.
און שעכטען איהם, אויפן מזבח שפריצען זיין בלוט.
זיין פלייש פאַרברענען אונטער מחנה וואו איהר רוהט.
אויפן מזבח דעמפען דעם חלב מיט די נירען,
דערנאָך זאָלסטו איין באַראַן צום מזבח פיהרען,
אויף איהם זאָל אויך אהרן, די זיהן אנלייגען די הענט
שעכטען איהם, און אויפן מזבח זאָל ער ווערען פאַרברענט.
דערנאָך דעם צווייטען באַראַן צום מזבח צופיהרען.
שעכטען איהם און מיט זיין בלוט אהרן׳ען באַשמירען.
די אויערן, די פינגער פון די הענט, די פיס אויך די קליידער,
דאָס זעלבע טאָן צו אהרן׳ס זיהן אַלעמען כסדר.
פון די ברוסט נעמען צו איינעם פון יעדען מין.
און אַרויפלייגען אויף די הענט פון אהרן מיט די זיהן.
דערנאָך צונעמען און רויכענען אויפן מזבח.
וועט דאָס פאַר גאָט זיין אַ ריח ניחוח.
און דו אַליין זאָלסט אויפהויבען די ברוסט פון קרבן צו מיר.
יעצט וועט דאָס זיין אַ חלק פאַר דיר.
אָבער אויף דורות פון אַלע אידישע קרבנות,
וועט דאָס זיין פאַר די כהנים מתנות.
זיבען טעג זאָלען די „ימי מלואים"*) געווערען.
וועט אהרן מיט די זיהן דערמיט הייליג ווערען.

## ל״ו

אויפן מזבח אין דער פריה און פאַרנאַכט,
מוז איין שאָף פאַר אַ „קרבן תמיד" ווערען געבראַכט.

*) ימי מלואים — די טעג וואָס מען האָט באַנייט דעם משכן.

א מנחה פון ווייסע מעהל מיט אויל מוז אויך זיין,
און גיסען אויפן מזבח א פערטעל עמער וויין.
מאך אויך א מזבח פון גאלד, רויכענען קטורת,
פארגעבען פאר גאט די אידישע עבירות.
אין משכן, אנטקעגען דעם ארון זאל ער שטעהן.
און ווען אהרן וועט אין משכן ארייגגעהן,
אין דער פריה, אז ער האט די מנורה צוגעריכט
און פארנאכט, אז ער קומט אנצינדען די ליכט,
זאל ער דאן פאר גאט רויכענען קטורת,
דאס בלייבט א געזעץ, א חוק אויף דורות.
אט דער מזבח נאר אויף קטורת זאל ער זיין.
ניט אויף קרבנות, מנחות און אויף גיסונג פון וויין.
איין מאל אין יאהר, „יום כפור“ אויף איהם פארגעבען,
פון קרבן חטאות די בלוט אויף איהם געבען.

פפפ

# כי תשא

זאגט גאט משה'ן: — ווען דו וועסט וועלען יעדען מאל
צעהלען די אידען, וויסען פיל איז זייער צאהל ?
זאלען זיי געבען צו האלבען שקל פאר יעדער קאפ.
דאן וועט די סכנה פון מארד פון זיי אראפ.
אלע געצעהלטע באדארפען אלט זיין נאר,
ניט ווינציגער ווי צוואנציג יאהר.
צו האלבען שקל זאלען זיי געבען אלע גלייך.
קיין אונטערשייד פון ארים ביז רייך.
און די האלבע שקלים וואס מען וועט קלייבען,
אויף די ארבעט פון אוהל מועד, זאל דאס בלייבען.
מאכט א האנט־פאס פון קופער מיט א סטענד,
פאר די כהנים וואשען, די פיס מיט די הענט.

אַז אהרן מיט די זיהן וועלען אין משכן אַריינגעהן,
מוזען זיי פריהער מיט וואַסער מאַכען זיך ריין,
אַז זיי וועלען זיך וואַשען, וועלען זיי לעבען בלייבען.
אַט דער געזעץ זאָל אויף דורות פאַרבלייבען.

## ל״ז

זאָגט גאָט משה'ן: — נעם די בעסטע בשמים אַלערליי,
מיט אַן עמער בוימעל צומישען זאָלסטו זיי.
דערמיט זאַלבען אהרן'ען מיט זיינע זיהן.
דעם משכן, דעם מזבח און די כלים פון יעדער מין.
אויב אַ זר*) וועט מאַכען פאַר זיך אויף צו שמירען,
זאָל ער צווישען זיין פאָלק מעהר ניט עקזיסטירען.
אויך זאָלט איהר נעמען געווירצען פון אַלע מינים
און צורייבען דאָס גוט, אויף מעהל דינעם,
אין אוהל מועד צו רויכערען דערפון דאָרט,
וואו איך וועל מיט דיר ריידען אין יענעם אָרט.

ווען איינער זאָל מאַכען דאָס זעלבע צו שמעקען,
זאָל מען זיין נאָמען פון זיין פאָלק אויסמעקען.

## פּ

זאָגט גאָט: — בצלאל, אַט דער געטליכער גייסטער,
ער איז אויף אַלץ אַ חכם — אַ מייסטער.
מיט גאָלד, זילבער און קופער, אַ בעל מלאכה איינער,
מיט האָלץ-אַרבעט, און קריצען אין שטיינער,
העלפען וועט איהם אהליאב און נאָך קלוגע לייט,
בעלי מלאכות, וואָס ווייסען וואָס אַרבעט באַדייט.
זיי אַלע צוזאַמען וועלען אַלעם דאָס מאַכען,
וואָס איך האָב געהייסען, די אַלע זאַכען.

*) אַ מענש וואָס איז ניט קיין לוי, קיין כהן, נאָר אַ ישראל.

נאָר שבת האַלט הייליג, זאָל ניט וואָכעדיג ווערען,
דעם צייכען צווישען מיר מיט אייך ניט צושטערען.
דער וואָס אַרבעט האָט שבת פאַרשוועכט,
טויט איז זיין שטראָף פאַר אַזאַ אומרעכט.
זעקס טעג אַרבעט, דעם זיבעטען טאָג רוה,
אין דעם הייליגען טאָג קיין אַרבעט ניט טו.
אַ צייכען אַז אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפען די וועלט,
אין דעם זיבעטען טאָג שבת אויף רוהען געשטעלט. —
גאָט האָט משה'ן געגעבען צוויי לוחות פון שטיין,
וואָס גאָט האָט מיט זיין האַנט אנגעשריבען אַליין.

## ל"ח

אַז משה פאַרזאַמט זיך האָט דאָס פאָלק דערזעהן,
האָבען זיי געקלערט אַז מיט איהם האָט אַ סבה געשעהן,
האָבען זיי זיך אַלע צו אהרן'ען געקליבען,
און זאָגען: — מיר זיינען אָהן אַ פיהרער געבליבען!
משה וואָס האָט אונז פון מצרים אַרויסגענומען,
ווייסען מיר ניט וואו ער איז אַהינגעקומען.
זאָלסט אונז אַ גאָט מאַכען, זיינען מיר געקומען צו דיר. —
זאָגט אהרן: — טוט אויס די צירונג, און ברייננגט צו מיר. —
האָבען זיי אויסגעטאָן זייער צירונג פון זיך,
און געבראַכט דאָס צו אהרן'ען אויף גיך.
האָט אהרן דערפון אַן „עגל מסכה"*) געמאַכט.
דאָס פאָלק האָט דעם עגל פאַר אַ גאָט באַטראַכט,
זיי האָבען אַלע אויסגעשריען מיט איין קול:
„דאָס איז דיין גאָט, „אלה אלהיך"**) ישראל!"
אהרן האָט געזעהן אַז אַפוועגדען זיי איז ער ניט בכח,
האָט ער גענומען בויען פאַר זיי אַ מזבח,

---

*) עגל מסכה, אַ קאַלב געגאָסן פון גאָלד.
**) אלה אלהיך ישראל — דאָס איז דיין גאָט, ישראל.

און זאָגט זיי: — מאָרגען מאַכען מיר אַ יום-טוב צו גאָט. —
דאָס פאָלק האָט גאַנץ פריה ערפילט זיין געבאָט.
צום גאָלדענעם קאָלב האָבען זיי קרבנות געבראכט
האָבען געגעסען, געטרונקען און פון גאָט זיך אויסגעלאכט.

## פּ ל״ט

זאָגט גאָט: — משה געה אַראָפּ און באַטראַכט,
וואָס דיין פאָלק האָט געטאָן וואָס דו האָסט פון מצרים געבראכט.
זיי האָבען געמאַכט אַן עגל, צו איהם זיך געקניט,
געשריען: — דאָס איז דיין גאָט! — וואָס געהט מיט דיר מיט.
לאָז מיך, איך וועל זיי פאַרדאַרבען אויף גיך.
און פאַר אַ גרויסע פאָלק וועל איך מאַכען דיך!
משה איז אַ מליץ פאַר די אידען געוואָרען,
און זאָגט: — גאָט! איך בעט דיך, זאָל ניט ברענען דיין צאָרען.
אויף דיין פאָלק, דו האָסט זיי פון מצרים געבראכט,
מיט דיין קראַפט און מיט דיין האַנט פון מאַכט
די מצרים וועלען זאָגען: — דו האָסט זיי אַהער גענומען,
זאָלען דאָ אין די בערג פון מדבר אומקומען.
געה אָפּ פון צאָרען, דיין כעס שטיל איין.
באַדאַכט זיך, ניט טו קיין שלעכטס דעם פאָלק דיין,
דערמאָן זיך יעצט, אויף אַמאָליגע יאָהרען,
וואָס דו האָסט צו זייערע עלטערען געשוואָרען.
צוגעזאָגט זיי, זייערע קינדער צו מעהרען.
מאַכען זיי פיל, ווי פון הימעל די שטערען,
פאַרשפּראָכען זיי, די לאַנד כנען זיין געבען
אַרבן די לאַנד כל זמן אידען וועלען לעבען, —
גאָט האָט זיך אויף די שלעכטס באַדאַכט,
וואָס ער האָט אויף זיין פאָלק ישראל געטראַכט.

## מ״

משה איז אראפּ פון בארג, אין האנט לוחות צוויי,
מיט געטליכע שריפט פון ביידע זייטען געשריבען זיינען זיי.
יהושע האט דערהערט, ווי דאס פאלק שרייט,
זאגט ער צו משהן: — איך הער א קול פון א שטרייט. —
זאגט משה: — דאס איז ניט א קול פון גבורה, אדער פון וועה,
דאס איז א קול ווי פון שכורים א געשריי! —
אז משה איז ניט ווייט פון לאגער צוגעגאנגען,
האט ער דערזעהן די טענץ, דערהערט די געזאנגען,
משה'ס צארען האט ווי א פייער געברענט,
האט ער באלד אראפּגעוואָרפען די לוחות פון די הענט,
צובראָכען אויף שטיקער די צוויי לוחות,
וואס באדארפען א תורה, געציינדינער, רוחות?
דעם עגל פארברענט, אויף מעהל איהם צושטייסען,
פארשפּרייט אויפן וואסער, און טרינקען דאס געהייסען.
זאגט משה: — אהרן, וואס האט דאס פאלק געטאן אזוי?
וואס דו האסט געבראכט א גרויסע זינד אויף זיי?
זאגט אהרן: — זיי ניט אין כעס מיין הער!
דו קענסט דאך די פאלק ווי שלעכט איז ער.
זיי האבען געפאדערט פון מיר א גאט זיי מאכען,
ווייל זיי ווייסען ניט וואס מיט דיר האט זיך געקענט מאכען?
איך האב זיי געפרעגט, ווער האט גאלד פון אייך?
האבען זיי זייער צירונג מיר אפּגעגעבען גלייך,
איך האב עס אין פייער געוואָרפען, ווער האט געקענט קלערען
אז דערפון וועט אן עגל מסכה ווערען? —
משה האט געזעהן אז דאס פאלק'ס שאנד איז אנטדעקט,
אהרן האט פאר אלעמען זייער שאנדע אנטפלעקט.
זאגט משה צו די אידען: איך פארלאנג פון אייך
דער וואס איז פאר גאט זאל קומען צו מיר גלייך!

איז דער גאַנצער שבט לוי צו איהם געקומען.
(זיי האָבן אין עגל קיין שום חלק גענומען).
זאָגט משה: — אַזוי האָט גאָט פון ישראל געבאָטען,
איהר זאָלט אַלע זינדיגע פון עגל, אויסראָטען,
נעמט אייער געווער, הרג'עט! אויף פריינד ניט געקוקט!
אַט די אַלע מענשען וועלכע האָבען צום עגל זיך געבוקט. —
די בני לוי האָבען גע'הרג'עט דריי טויזענד מענשען.
זאָגט משה: — איהר האָט פאַרדינט, איך זאָל אייך בענשען.
איהר האָט ניט געשיינט אייערע פריינד, אייערע ברידער,
גע'הרג'עט די וואָס זיינען געווען גאָט דערווידער.

## מ"א

צום פאָלק זאָגט משה: — אייער זינד איז זייער שווער,
גאָט איז אין כעס, ער וויל ניט זיין מיט אייך מעהר.
איך וועל געהן פון אייערטוועגען גאָט בעטען,
פיליכט וועל איך קענען אייער זינד פאַרגלעטען. —
זאָגט משה צו גאָט: — דאָס פאָלק האָט געזינדיגט, איך וויים.
צו אַ גאָלדענעם קאַלב זיך געבוקט, די זינד איז גרוים!
ווען סטו זיי ניט מוחל זיין, מיין בקשה ניט הערען,
זאָל אין דיין בוך מיין נאָמען ניט דערמאָנט ווערען. —
זאָגט גאָט: — משה, וואָס געהערט דאָס צו דיר?
אויסמעקען וועל איך נאָר די, וואָס זיינען זינדיג קעגען מיר.
דו געה פיהר דאָס פאָלק, אַ מלאך וועט מיט אייך געהן,
נאָר די זינד פון עגל בלייבט אויף אייביג שטעהן.
אין יעדער צייט, ווען איך וועל פאַר איין זינד מאַנען,
וועל איך זיי דעם חטא העגל, אויך דערמאָנען,
אַן „עם קשי עורף"*) ביזטו, איך געה מיט דיר ניט מעהר.
איך זאָל דיר אין וועג ניט שטראָפען דיר שווער. —
דאָס פאָלק האָט פון טרויער אויסגעטאָן זיין צירונג,

*) קשי עורף — עקשנים, איינגעשפּאַרטע.

משה איז אוועק פון זיי ווייט, פאר זייער שלעכטען פיהרונג.
אונטערן לאגער האט ער זיין געצעלט געמאכט,
אלע אידען האבען משה'ן זעהר געאכט.
ווען משה פלעגט צו זיין געצעלט געהן
פלעגען אלע אויף זייערע ערטער בלייבען שטעהן.
ביז ער איז אריין אין געצעלט, געשטאנען און געקוקט
אז ער איז אריין, האבען זיי זיך פון ווייטען געבוקט,
גאט רעדט מיט משה'ן ווי איינער מיט דעם צווייטען,
און יהושע זיין משרת, פלעגט איהם שטענדיג באגלייטען.

## פ

משה זאגט צו גאט: — דו זאגסט: איך האב חן ביי דיר,
הייסט מיר פיהרען דאס פאלק, זאג ווער וועט געהן מיט מיר?
אויב איך האב ביי דיר אין די אויגען געפונען חן,
בעט איך, אז דו זאלסט אליין מיט אונז געהן.
און אז דו וועסט אליין אונז ניט פיהרען,
זאלסטו בעסער אונז גאר פון ארט ניט ריהרען,
מיט וואס וויסען מיר, אז מיר זיינען די פאלק דיין?
אז דו וועסט אונזער וועג-ווייזער אליין זיין. —
זאגט גאט: — משה, דו האסט געפונען חן ביי מיר,
און איך אליין וועל שוין געהן מיט דיר. —
זאגט ווייטער משה: — אויב אזוי? טו ווייז מיר דיין עהרע!
זאגט גאט: — דאס איז א בקשה זייער א שווערע,
דער מענטש ווען ער לעבט, קען מיך ניט פארשטיין.
איך וועל דיך באהאלטען אין שפאלט פון שטיין.
און אז איך וועל אראפנעמען מיין האנט פון דיר
דאן וועסטו די גאטהייט זעהן, נאר אביסעל פון מיר! —

## מ"ב

זאגט גאט: — משה, האק אויס פון שטיין לוחות צוויי,
ווי די ערשטע, וואס דו האסט צובראכען זיי.

משה האָט פון שטיין צוויי לוחות געמאכט
האָט זיי מיט זיך אויפן בארג סיני געבראכט.
איז גאָט מיט אַ וואָלקען אויך אראָפּ דאָרט,
זיינע דרייצעהן מידות גערופען ווארט-ביי-וואָרט.
משה האָט זיך געבוקט, ווען ער האָט דאָס דערהערט,
די זעלבע ווייטער בעטען, ניט אויפגעהערט:
— גאָט! מיט אונז זאָלסטו געהן, מיט אונז זאָלסטו זיין,
אַליין אונז פיהרען אין דער לאַנד „כנען" אריין. —
זאָגט גאָט: — איך וועל דיר ווייזען וואונדער אָהן אַ שיעור,
אַלע זאָלען זעהן די וואונדער, וואָס איך טו מיט דיר.
נאָר דו זאָלסט היטען וואָס איך זאָג דיר אַן היינט,
איך וועל פאַר דיר פאַרטרייבען אַלע דיינע פיינד.
דו זאָלסט מיט זיי קיין בונד ניט שליסען,
דו ועסט פון זיי קיין גוטעס געניסען.
די מזבחות זייערע צושטויסען, די מצבות צוברעכען.
זיי זאָלען ווי דערנער דיינע זייטען ניט שטעכען.
ווען דו וועסט מיט זיי מחותנים ווערען,
וועלען זיי דיינע קינדער פון גאָט אָפּקערען.
איהר זאָלט היטען מיין פאַרזאָג, מיין געבאָט,
ניט מאַכען פאַר זיך קיין געגאָסענעם גאָט.
פסח היט אָפּ, מצות עס, דעם חמץ ראַם אויס,
די פריהלינג צייט ווען דו ביזט פון מצרים אַרויס,
די בכורים, וואָס וועלען געבאָרען ווערען ביי דיר,
פון אָקסען, פון שאָף, מאַך זיי הייליג צו מיר,
אַ בכור פון אַן אייזל, מיט אַ שאָף, לייז איהם אָפּ.
לייזטו ניט אויס, האַק איהם אָפּ די קאָפּ,
און די בכורים, דיינע קינדער די זיהן.
מיט פינף שקלים לייז אויס, ווי דער דין.
זעקס טעג אַרבעט, דעם זיבעטען טאָג רוה,
אַקערען, שניידען די פעלדער טאָרסטו ניט דו.

שבועות אז דו שניידסט די ערשטע פרוכט נאָר,
און סכות „חג האסיף“ אין אָנהויב פון יאָהר,
דריי מאָל אין יאָהר ווייזן זיך פאַר גאָט זאָלסטו געהן,
דיין לאַנד וועט ניט צונעמען אַז זי וועט בלייבען אַליין,
ניט שעכט דעם „קרבן פסח“, איידער דעם חמץ ראַמסט אויס.
און ניט עס פון איהם, אַז די זון געהט שוין אַרויס.
די ערשטע פרוכט בכורים צו גאָט ברענג מיט דיר מיט
אַ ציגעלע אין איהר מוטער'ס מילך קאָכען זאָלסטו ניט!

פ

זאָגט גאָט משה'ן: — זאָלסט אַלע רייד פאַרשרייבען.
צווישען מיר מיט די אידען אַן אייביגער בונד וועט בלייבען,
משה האָט דאָס פאַרשריבען, אַז ער איז אויפן באַרג געזעסען.
פערציג טעג און נעכט ניט געטרונקען, ניט געגעסען,
ער האָט פון גאָט די צווייטע לוחות גענומען.
און ער איז מיט זיי צו די אידען געקומען,
אַז משה איז אַראָפּ מיט די לוחות אין די הענט,
האָט זיין פנים ווי זון־שטראַהלען געברענט.
די אידען האָבען געזעהן אַז זיין פנים שיינט שעהן,
האָבען זיי מורא געהאַט צו איהם נאָהענט צו געהן,
משה האָט באַדאַרפט אויף זיין פנים אַ דעקע טראָגען,
ווען ער האָט באַדאַרפט די אידען עפּעס זאָגען.
נאָר ווען ער איז צו גאָט ריידען געקומען,
האָט ער די דעקע פון פנים אַראָפּגענומען!

פפפ

# ויקהל

## מ״ג

משה האָט איינגעזאַמעלט אַלע אידען אין איין אָרט,
און האָט זיי גאָט׳ס רייד געזאָגט אַלעמען דאָרט:
„זעקס טעג אַרבעט דער זיבעטער איז שבת, ניט פאַרשטערען.
דער וואָס אַרבעט דעם טאָג געטויט זאָל ער ווערען.
די זעלבע עבירה, דער זעלבער פאַרזאָג,
אָנצינדען פייער שבת׳דיגען טאָג.״*)
משה זאָגט זיי אַז יעדער איד זאָל זעהן,
ברענגען נדבות צום משכן פיל ער קען.
גאָלד און זילבער, קופּער און דימענט שטיינער,
צעדער-האָלץ, באַראַנען פעל, בשמים און בוימעל ריינער.
בצלאל און אהליאב און נאָך קלוגע לייט
חכמים וואָס וויסען וואָס די אַרבעט באַדייט,
זאָלען נעמען די נדבות פון די אַלע זאַכען,
דערפון דעם משכן און די מזבחות מאַכען.
דעם ארון וואָס דאָרט וועט ליגען די תורה,
דעם טיש מיט דער גאָלדענער מנורה.
און כלים אַלערליי, פון יעדען מין,
קליידער פאַר אהרן׳ען מיט זיינע זיהן.
די אידען האָבען פון משה׳ן אַלץ אויסגעהערט,
און צוריק אין די געצעלטען זיך אומגעקערט.
די פרויען, די מענער האָבען נדבות געטראָגען,
מען האָט שוין ניט באַדאַרפט נאָך אַמאָל זאָגען.
גאָלד, צירונג אַלערליי וואָס ער האָט ביי זיך געפונען.

*) ווייל עס שטעהט באַזונדער דער פאַרזאָג פון הבערה״ איז וועגען דעם שטראָף פון זינדער אַ מחלקות אין דער גמרא, מעהר ניט ווי מלקות, איז אַ סברה.

און די קלוגע פרויען האָבען ציגען-האָר געשפונען.
אַז עס איז שוין גענוג, האָבען די נשיאים דערזעהן,
פאַר זיי צו ברענגען איז שוין גאָרנישט געווען,
האָבען זיי דימענט-שטיינער, אַ נדבה געבראכט,
און בשמים-געווירצען — וואָס מען האָט קטורת געמאכט.
די מייסטער זיינען געקומען משה'ן אָנזאָגען,
אַז דאָס פאָלק הערט ניט אויף נדבות טראָגען. —
האָט משה איבערען לאַגער געלאָזט הערען,
אַז טראָגען נדבות זאָל דאָס פאָלק אויפהערען.
פון אַלע נדבות וואָס מען האָט צונויפגעקליבען,
איז גענוג געווען, עס איז נאָך איבערגעבליבען.

מ"ד פפפ

# פקודי

משה האָט אַלע נדבות פון משכן איבערגעצעהלט,
אויף די אַרבעט פון משכן האָט ער איתמר'ן אויסדערוויילט.
אינגאַנצען די אַרבעט האָט „בצלאל" געטאָן.
געהאָלפען האָט איהם „אהליאב" פון שבט דן.
אַז משה האָט אַלץ באַקוקט האָט ער געזעהן,
אַז די גאַנצע אַרבעט איז אין אָרדנונג פאַרטיג געווען.
משה איז געווען דערפון זעהר צופרידען.
האָט ער דערפאַר געבענשט אַלע אידען
אין דעם ערשטען חודש, אויף דעם צווייטען יאָהר
איז די אַרבעט פון משכן פאַרטיג געוואָרען ביז גאָר!
(די אַרבעט פון משכן און די כלים אַלערליי,
איז שוין געשטאַנען, ווי געמאכט האָט מען זיי
אַלץ פריהער געשטעלט, קיין זאַך ניט פאַרפעלט.)
גאָט הייסט משה'ן, ער זאָל דעם משכן אויפשטעלען,
און אַלץ אויף זייערע ערטער זאָל ער שטעלען,

אין קדשי קדשים שטעלען דעם ארון און די תורה,
און אין משכן דעם טיש, מיט דער מנורה.
אין צפון דעם טיש מיטן לחם הפנים געגרייט,
אין דרום די מנורה מיט די ליכט צוגעגרייט.
דעם מזבח אויף קטורת, צווישען, איהם שטעלען.
און אנטקעגען דעם ארון מיט א פרוכת פארשטעלען.
(דער פרוכת איז פאר א מחיצה געווען.
דער ארון מיט די לוחות זאל זיך אין משכן ניט זעהן).
צווישען דעם משכן און מזבח, פאר דעם „כיור" אן ארט,
אהרן מיט זיינע זיהן, זאלען זיך וואשען פון דארט.
משה האט אלעם געמאכט פארטיג און גרייט,
האט א וואלקען פון אויבען, אויפ'ן משכן פארשפרייט,
גאט'ס כבוד האט דעם משכן פארנומען.
משה האט אהין מעהר ניט געקענט קומען.
דער וואלקען האט באדעקט דעם משכן פון אויבען.
די אידען האבען גערוהט, ביז ער האט זיך דערהויבען.
אז דער וואלקען האט זיך געריהרט פון ארט,
דאמאלט זיינען די אידען געגאנגען פון דארט.
א זייל וואלקען ביי טאג, א זייל פייער ביינאכט,
זיינען געגאנגען מיט די אידען אז זיי האבען אין מדבר פאר-
בראכט!

פפפ

## חסל ספר שמות

# ספר
# ויקרא

# ויקרא*)

## א"

**דער ספר „ויקרא" תורת-כהנים דינים פון קרבנות.**
**קרבנות פאר זינד, און נדרים, מתנות,**

---

*) ה ע ר ה :

אט די אלע דינים פון קרבנות וואס האט אמאל פאסירט,
האב איך דא מעהר ניט, ווי אין כלל זיי בארירט
אבער אין פרט שרייבען, זיינען זיי זייער פיל.
פון שרייבען אין דעם ספר, איז דאס ניט דער ציל.
איך שרייב יע די דינים אלע, פון דער תורה,
אבער ניט פון קרבנות, און תזריע און מצורע.
ברענגען קרבנות אויפן מזבח, ווי אמאל איז געווען.
איז א גרויסער ספק, צי וועלען זיי שוין מעהר געשעהן
אז מיר וועלען זוכה זיין, קומען צוריק אין ציון,
איז א ספק צי וועלען קרבנות ווידער אויפבליהען,
איך זאג ניט מיין מיינונג, איך מיש זיך ניט דעריין.
דעם מיינונג לאז איך איבער פאר די גדולים זאל זיין.
איינער פון די גאונים האט שוין די שאלה באטראכט.
אין זיין ספר „מלכי בקדש" האט דער גאון געבראכט*).
זיין מיינונג — אז דאס קען מעהר ניט פאסירען.
בזמן הזה „עבודת הקרבנות" ווידער איינפיהרען.
ניט נאר וועגען די אלטע מוסרי הנביאים,
נאר אויך ווייל וואו זיינען איצט, די כהנים, די לוים?
די עבודת הקרבנות מוז ווערען אנדערש באטראכט,
ניט אין פשטיות, ווי מען האט זיי אמאל געמאכט.

---

*) הגאון הגדול המפורסים ר' חיים הירשענזאהן שליט"א אב"ד,
דק"ק הובאקאן, יצ"ו.

די כהנים זאָלען וויסען אַלע דינים אויף קלאָהר,
די עבודה אויפ'ן מזבח, אַלע דינים ביז גאָר.
קרבנות פון שבת, קרבנות פון ראש חודש,
פון אַלע ימים טובים, ימי מקראי קודש,
קרבנות, וואָס ווערען אַלע טאג געבראכט,
דער „קרבן תמיד" פריה און פאַרנאַכט.
עולה, חטאת, אשם, און קרבן שלמים,
זאָלען זיין אָהן אַ מום, נאָר אַ גאַנצער אַ תמים,
פון רינדער, באַראַנעס, ציגען און שאָף.
מנחות פון מעהל, און אַמאָל, גאָר אַן עוף,
קרבנות, מנחות, פאַרשיידענע, אַלערליי,
די דינים ווי מקריב צו זיין און ווי צו עסען זיי.
ווי די כהנים זאָלען זיך פיהרען אין אומריינער צייט,
ניט עסען קיין קדשים, און פון משכן זיין ווייט,
ווען זיי וועלען דאַרפען אין משכן אַריין,
זאָלען זיי קיין ווייז ניט טרינקען, שכור ניט זיין.
ווען זיי וועלען די עבודה טאָן,
דאַרפען זיי די הייליגע קליידער אָנטאָן.
דער כהן גדול אַכט, אַלע כהנים פיר,
און וואַשען די הענט מיט די פיס אין משכן ביים טיר.
חלב, און בלוט צום עסען ניט נוצען.
דעם חלב פאַרברענען, די בלוט אויפן מזבח שפריצען.
טומאה און טהרה, אַלע דינים כסדר,
פון נגעים, פון צרעת אויף מענשען, אויף קליידער,
דער כהן מוז אַלע דינים וויסען, גוט פאַרשטיין,
ווי צו מאַכען אַ הבדל, פון אומריין ביז ריין.

# צו

## ב"

## צו את אהרן ואת בניו

גאָט הייסט משה'ן די כהנים פאַרזאָגען:
די אַש פון מזבח אונטער לאַגער אַרויסטראָגען.
דער כהן וואָס טוט דאָס, מוז זיינע קליידער אומבייטען.
און אַ פייער זאָל ברענען, אויפן מזבח אַלע צייטען.
אַלע פריהמאָרגען זאָל דער כהן נאָך האלץ מעהרען,
דער פייער פון מזבח זאָל פאַרלאָשען ניט ווערען.
פאַר דורות זאָל בלייבען פאַר כהנים אַ חוק.
פון אַ קרבן זאָל זיין פאַר זיי די „חזה ושוק".
פון אַ מנחה מקריב זיין פיל אין אַ הויפען וועט אַריין.
דאָס איבעריגע זאָל פאַר די כהנים זיין.
ניט עסען קיין חלב פון אָקסען, ציגען און שאָף,
און בלוט ניט עסען סיי פון אַ בהמה, סיי פון אַן עוף.
דער וואָס וועט עסען, און דעם פאַרבאָט ניט הערען,
זאָל פון דעם אידישען פאָלק אויסגעמעקט ווערען.

פ

משה האָט אהרן'ען מיט די זיהן צום משכן געבראכט,
פאַר אַלע אידען אין די אויגען פאַר כהנים געמאכט.
געוואַשען זיי און אָנגעטאָן זיי די קליידער
ווי אין דער סדרה „תצוה" איז געשריבען דער סדר.
די גאַנצע עבודה האָט משה געטאָן אַליין,
און זיי פאַרזאָגט פון משכן ניט אַרויסגעהן,
זיבען טעג זיינען זיי אין משכן געזעסען,
זייערע קרבנות און מנחות דאָרטען געגעסען.

פפפ

# שמיני

## ג״

אויף דעם אכטען טאג, אז מען האט דעם משכן באנייט,
רופט משה אהרן׳ען מיט די זיהן, און די אלטע לייט
זאלען צוגרייטען קרבנות, איז געווען זיי געבאט,
ווייל דיזען טאג וועט זיך ווייזען צו זיי גאט.
צו אהרן, זאגט משה, — צום מזבח געה צו!
פאר א כהן גדול אויסדערוויילט ביזטו,
געה און טוה די עבודה אפן מזבח געשווינד,
פארגיב אויף דאס פאלקס׳ און אויף אייגענע זינד. —
אהרן האט געטאן ווי משה האט באפעלט,
אלץ וואס ער האט געזאגט, קיין זאך ניט פארפעלט.
און דאס פאלק געבענטשט, די הענט צו גאט געהויבען.
האט זיך גאט׳ס כבוד אויף זיי געוויזען פון אויבען.

## פ

נדב און אביהו, אהרן׳ס עלטערע קינדער צוויי
אין משכן מקטיר זיין קטורת געגאנגען זיינען זיי.
איז א פייער פון גאט אראפ אויף זיי דארט,
זיי זיינען באלד געווארען פארברענט אויפן ארט.
זאגט משה: — אהרן, דורך זיי איז גאט׳ס כבוד געעהרט. —
האט זיך אהרן געטרייסט און ווינען אויפגעהערט.
משה האט גערופען עזיאל׳ס צוויי זיהן,
ארויסטראגען די טויטע אונטער לאגער אהין,
און צו אליעזר און איתמר האט משה געזאגט:
— קיין טרויער אויף אייערע ברידער איהר ניט טראגט,
ניט לאזט וואקסען די האר, ניט רייסט די קליידער,
זיצט אין משכן די צייט ווי דער סדר.

מיט די הייליגע בוימעל געזאלבט האָט מען אייך.
באַקלאָגען די שריפה וועלען די אידען פאַר אייך.
אהרן'ען זאָגט גאָט: — איהר זאָלט ניט טרינקען קיין וויין
ווען איהר וועט דאַרפען אין משכן אַריין.
קענען אָפשיידען פון הייליג און וואָך, אומריין און ריין.
גאָט'ס געזעצען געבען די אידען צו פאַרשטיין.

ד"

גאָט הייסט משה און אהרן'ען זאָגען די אידען אַזוי:
אַזוי ווי איך בין הייליג, וויל איך מאַכען אויך זיי.
זיי זאָלען ניט עסען קיין אומריינע זאכען.
זיי זאָלען זיך דערמיט אומריין ניט מאַכען.
אויף בהמות און חיות זיינען צוויי ריינע סמנים דאָ:
איהר זאָלט ניט עסען פון די ווען איין ריינער סמן איז ניטא.
די ריינע סמנים איז: מעלה-גרה*) און צושפּאָלטענע קלויען**).
דער חזיר האָט צושפּאָלטענע קאָפּיטעס אויף צווייען,
מעלה גרה איז ער ניט. איז ער אַן אומריינער.
ביים קעמעל, ביים האָז, איז אויך אַ כשר'ער סמן נאָר איינער,
זייער פלייש ניט עסט. אומריין זיינען זיי.
ווייל זיי האָבען ניט קיין כשר'ע סמנים צו צוויי.
פון די פישען וואָס זיינען אין ימים, אין טייכען,
אויך אַלע לעבעדיגע אין וואַסער פון זייער גלייכען.
זיי מוזען אויך האָבען ריינע סמנים צוויי,
שאָלאכטיץ און שופּען צו שווימען מיט זיי.
און אויב עס פעהלט ביי זיי איין כשר'ער סמן,
צי שאָלאָכיץ, צי שופּען אויף שווימען,
אַלע לעבעדיגע, וועלכע געפינען זיך אין טייך,
עסט זיי ניט, אומווירדיג זאָלען זיי זיין ביי אייך!

*) מעלה גרה — איבערקייען די שפּייזען.
**) קלויען — קאָפּיטעס.

פון פויגלען וואָס פליהען אין דער הויך.
און די וואָס איבער דר'ערד שפּרינגען אויך.
וועלכע איהר טאָרט ניט עסען, און וועלכע איהר קאָנט,
(משה האָט זיי אַלעמען מיט די נעמען דערמאָנט.)
די ווידמונג פון דר'ערד, שקצים און רמשים אַלערליי
אומריין זיינען זיי, איהר זאָלט ניט עסען זיי.
איך בין אייער גאָט, אייך אַהער פון מצרים געבראַכט,
פאַר אַן הייליגע פאָלק האָב איך אייך געמאכט,
זייט ניט אומריין, הייליגען זאלט איהר זיך.
וואָרום אייער הייליגער גאָט בין איך!

פפפ

# תזריע און מצורע

די צוויי סדרות „תזריע" און „מצורע"
דאָס איז די זעלביגע, הייליגע תורה,
נאָר זייערע דינים קען איך דאָ ניט שטעלען.
די צוויי סדרה'ס וועלען דאָ פעלען.
די דינים פון נגעים, וואָס זיינען דאָ,
כהנים זאָלען דאָס וויסען איז איצט ניטאָ.
ניט די כהנים פסק'ענען איצט דעם דין.
דערויף זיינען דאָ איצט מענשען פון אַן אַנדער מין.

ה"

# אחרי מות

נאָך דעם טויט פון אהרן'ס זיהן די צוויי
זאָגט גאָט משה'ן ער זאָל זאָגען זיין ברודער אהרן אַזוי:
דאָרטען וואו עס שטעהט דער ארון מיט'ן כפּורת,
וואו זיינע זיהן זיינען אַריין אַהין מיט די קטורת,

אין קדשי קדשים, ניט אַריין, אין יעדער צייט.
דעם גאַנצען יאָהר זאָל ער זיין פון דאָרטען ווייט.
נאָר איין מאָל אין יאָהר, דעם טאָג פון יום כפור אַליין,
אין ווייסע ליינענע קליידער זאָל ער אַהין אַריינגעהן.
ער זאָל נעמען פון דאָס פאָלק ציגעלאך צוויי.
און ער זאָל וואַרפען „גורל״ אויף זיי.
וועלכע ברענגען אַ קרבן, איינע פון דער פאָר,
און וועלכע שיקען לעזאזל, אין דעם מדבר.
קיין מענטש זאָל אין אוהל מועד ניט שטעהן,
ביז אהרן וועט פון קדשי קדשים אַרויסגעהן.
ווען ער וועט ענדיגען אויפן משכן פאַרגעבען,
זאָל מען איהם דעם שעיר-העזאזל*) געבען.
ער זאָל צו דער ציגעלע זיך נידעריג איינבויגען,
און זיינע הענט אויף איהר קאָפּ אַרויפלייגען.
אויף איהר קאָפּ דעם גאַנצען „על חטא״ אָפּזאָגען,
וועט די ציגעלע זייערע עבירות אַוועקטראָגען
צום באַרג עזאזל, געהט זי מיט אַ געבויגענעם קאָפּ,
פון דעם שטיינערנעם באַרג וואַרפט מען זי אַראָפּ.
ביי אייך זאָל דאָס זיין אַ געזעץ פאַר דורות,
אין דעם טאָג איז גאָט מוחל די עבורות.
דעם זיבעטען חודש, דעם צעהנטען טאג אַלע יאָהר,
יום כפור זאָלט איהר פאַסטען און ניט טאָן קיין אַרבעט גאָר.

ו״

גאָט זאָגט צו משה׳ן: — די אידען זאָג אָן

*) שעיר העזאזל, דאָס איז די ציגעלע וואָס מען שיקט אַוועק
אין דעם מדבר צום באַרג עזאזל, זי טראָגט אויף זיך אַוועק
די אידישע עבירות, יום כפור, ווערען זיי ריין פון זינד.
די אָרימע ציגעלע אָפּפערט איהר לעבען,
פרעמדע זינד דערמיט צו פאַרגעבען.
אזוי ווערט תמיד געטאָן — מיטן שעיר העזאזל און מיט דעם כפרה האָן.

ווי די מצריים טוען, זאָלט איהר אַזוי ניט טאָן.
און ווי די כנענים, וואו איך וועל אייך באַזעצען,
זאָלט איהר ניט געהן אין זייערע געזעצען.
פון זייער שענדליכקייט זאָלט איהר זיך היטען.
ניט אָפלערנען זיך פון זיי די שלעכטע זיטען.
די לאַנד האָט ניט געקאנט זייער זינד פאַרטראָגען,
טאָ טוט ניט ווי זיי, זי זאָל אייך אויך ניט פאַריאָגען.
איהר היט אָפּ די חוקים, וואָס איך האָב געגעבען,
דאָס איז אייער שעהנקייט, דאָס איז אייער לעבען.

פפפ

# קדושים

גאָט זאָגט משה׳ן: — זאָג די אידען הייליג זאָלט איהר זיין.
ווארום הייליג בין איך, דער גאָט דיין!
האָט מורא פאַר אייער פאָטער און מוטער, האַלט זיי טייער,
מיינע שבתים זאָלט איהר אָפּהיטען, איך בין אַ גאָט אייער,
צו פרעמדע געטער זאָלט איהר זיך ניט קערען.
קיין געגאָסענע געטער זאָל ביי אייך ניט ווערען.
אַז איהר שניידט אייער פעלד, איהר ברעג זאָל בלייבען.
די אַראָפּגעפאַלענע זאנגען זאָלט איהר ניט קלייבען,
פון וויינגאָרטען די יונגע פרוכט רייסט ניט אַראָפּ,
קלייבט ניט צונויף די פרוכט, וואָס פאַלען אַראָפּ.
פאַרן אָרימאַן און פאַרן גר, זאָלט איהר דאָס לאָזען,
גאָט האָט אייך געהאָלפען, זאָלט איהר זיי אויך ניט פאַרלאָזען.

ז״

גנב׳עט ניט, לייקענט ניט, קיין ליגנער ניט ווערען.
מיט מיין נאָמען זאָלט איהר פאַלש ניט שווערען.
באַרויב ניט דיין פריינד, פון גזלה זיי ווייט

דעם וואָס אַרבעט ביי דיר, באַצאָהל אין דער צייט.
שילט ניט אַ טויבען, שטרויכלען אַ בלינדען היט זיך!
האָב מורא פאַר גאָט, דיין גאָט בין איך!
זאָלסט ניט קוקען, צי ער איז אָרים, צי רייך,
מיט גערעכטיגקייט משפּט אַלעמען גלייך.
ניט פיהר קיין רכילות, שטעה ניט פון וווייטען,
ווען ביי דיין פריינד איז שלעכטע צייטען.
האַס ניט דיין ברודער, מעגסט שטראָף רייד איהם זאָגען,
נאָר אין האַרצען אויף איהם קיין שנאה ניט טראָגען.
נעם ניט קיין ראַכע, היט ניט קיין שנאה אין זיך.
האָב ליב דיין פריינד ווי זיך, דיין גאָט בין איך.
היט מיינע חקים, דיין פעלד כלאים*) ניט זייען.
אין דיינע בגדים שעטנז**) ניט נייען.
ווענסט אין דיין לאַנד פלאַנצען בוימער ביי דיר
דריי יאָהר ניט עס די פרוכט פון איהר.
אַז דער פערטער יאָהר וועט אַריין,
איז די פרוכט הייליג, צו גאָט אַ לויבונג זאָל זיין.
אָבער אַז דער פינפטער יאָהר וועט ווערען,
זאָל די פרוכט אינגאַנצען צו דיר געהערען,
עס ניט קיין פלייש אַז זי האָט אין זיך בלוט,
ברויך ניט קיין כשוף, וויסען וועלכע צייט איז גוט.
ניט שער רונד אויף דיין קאָפּ די האָר,
ניט גאָל אָפּ דיין באָרד אין גאַנצען ביזען גאָר.
ניט רייסט אייער פלייש אויף זיך, אויף אַ טויטען.
ניט קריצט אויף אייער לייב פיגורעס און קווייטען.
מיינע הייליגקייט זאָלט איהר היטען און עהרען,
מיינע „שבתים“ זאָלט איהר ניט פאַרשטערען.
פאַר אַן אַלטען מאַן שטעה אויף פון דיין אָרט,

*) צומישונג פון צוויי מינים.
**) וואָל מיט פלאַקס צוזאַמען גענייט.

באשעהן דעם אַלטען ניט שפּאר איבער זיין וואָרט.
זאָלסט פון איהם ניט לאַכען, מאַכען שפּאָט,
האָב מורא פאַר מיר, איך בין דיין גאָט.

ח״

אז אַ גר וועט אין דיין לאַנד זיך באַזעצען,
זאָלסטו איהם ניט נאַרען, זאָלסט איהם ניט קוועטשען.
ווי אַלע בירגער זאָל ער זיך רעכענען ביי אייך.
האָט איהם ליב, ווי זיך אַליין גלייך.
איהר זייט אַליין גרים אין מצרים געוועזן,
איך בין דיין גאָט, איך קען קיין אומרעכט ניט זעהן;
האַנדלען פאַלש, אַ גרויס אומרעכט איז דאָס,
געבען דעם צווייטען אַ פאַלשע וואָג און מאָס.
גיב אַן אמת'ע וואָג, אַן עמער אַ קוואָרט,
שטענדיג זאָל זיין אמת דיין וואָרט!
היט מיינע משפּטים, דיין גאָט בין איך.
פון מצרים האָב איך, אַרויסגעפיהרט דיך.

ט״

פאַרברענען זיין קינד צום „מולך״*) וועט איינער,
זאָל איהם דאָס פאָלק פאַרוואַרפען מיט שטיינער.
אויב דאָס פאָלק האָט דאָס פאַר קיין זינד ניט באַטראַכט,
זיי האָבען מיט איהם יד־אחת געמאכט,
באַשטראָפען איהם מיט טויט וועלען זיי ניט וועלען,
דאַן וועט מיין שטראָף זיי קיינעם ניט פעלען!
דער מענטש וואָס וועט נאָך כשוף אָפּקערען,
וועט זיין נאָמען פון מיין פאָלק אויסגעמעקט ווערען.
היט מיינע געזעצען, מיינע משפּטים וויסן,

*) דער נאָמען פון אַן אָפּגאָט, צו איהם פלעגען די געצענדינער פאַרברענען זייערע קינדער.

איך גיב אייך אַ לאַנד, מילך און האָניג וועט פליסען.
זייט ניט ווי די פעלקער מיט די געצענדינער גלייך,
וועלכע איך טרייב אַרויס פאַר אייך.
מאַכט זיך ניט טמא מיט אומריינע זאַכען,
אייערע נפשות אומריין ניט מאַכען.
אַ הייליגער גאָט בין איך ביי אייך.
הייליג זייט אויך, צו מיר זייט גלייך.

פפפ

# אמור

ו״

זאָגט גאָט משה'ן: — זאָלסט די כהנים זאָגען,
צו אַ טויטען ניט אַנרירען און איהם ניט טראָגען,
מעהר ניט צו עלטערען, צו שוועסטער און ברידער,
צו זיין פרוי, וועלכע איז איהם ניט געוועזען דערווידער,
צוליב אַ טויטען ניט רייסען פון קאָפּ די האָר,
און די בערד מיט אַ גאָלמעסער ניט אָפּגאָלען גאָר.
זאָלען גאָט ניט פאַרשוועכען, הייליג זאָלען זיי זיין.
מקריב זיין קרבנות אין מקדש אַריין.
טאָרען ניט נעמען אַ פרוי, אַז זי וועט אַ גרושה זיין,
אָדער אַזאַ פרוי, וואָס פיהרט זיך ניט פיין.
דער כהן גדול וואָס טראָגט די הייליגע זאַכען,
טאָר ער ניט צו קיין טויטען, אומריין זיך מאַכען,
זיינע טויטע עלטערען טאָר ער באַגלייטען ניט געהן.
ער מוז ביי דער עבודה אין מקדש בלייבען שטעהן.
אַז אַ כהן וועט האָבען אַ מום אין זיך,
מעג ער עסען קדשים פון דער הייליגער קיך,
אָבער צום מזבח טאָר ער ניט געהן,

אַ בעל מום זאָל מקריב קרבנות זיין איז ניט שעהן.
אַז אַ כהן ווען ער וועט זיין אומריין,
טאָר ער קיין קדשים ניט עסען און צום מזבח גערן.
אַ שכיר־יום ביים כהן, אָדער זיין אידישער קנעכט,
עסען פון קדשים, האָבען זיי ניט קיין רעכט.
אָבער גוי׳ישע קנעכט, וואָס וועלען דינען ביי זיי
מעגען זיי עסען פון קרבנות, און קדשים אַלערליי,
ווען אַ כהן׳ס אַ טאָכטער, וועט האָבען אַ ישראל אַ מאַן
עסען פון קדשים טאָר זי ניט דאַן.
אַז זי וועט אַ אלמנה אָדער אַ גרושה ווערען,
מעג זי קדשים עסען, אַז זי וועט זיך צוריק צום פאָטער אומקערען.
ווען אַ ישראל וועט עסען קדשים אומגערען,
דאַרף ער דעם כהן נאָך אַ חומש (פינפטעל) מעהרען.
די כהנים וועלען אויף זיך אַ גרויסע שולד טראָגען
ווען זיי עסען פון קדשים, ניט ווען זיי מאָגען.
יעדער קרבן, ווען אַ מום (אַ פעלער) ער האָט
וועט ער ניט זיין באַוויליגט פאַר גאָט.
אַז אַן אָקס אָדער אַ שאָף וועט געבארען ווערען,
מקריב זיין פאַר אַ קרבן דאַרף זיבען טעג געווערען.
(איהר טאָרט איהם אויפן מזבח ניט שלאַכטען
ביז דעם טאָג דעם אַכטען).
איהר זאָלט ניט שלאַכטען „אותו ואת בנו“ —
אַ בהמה מיט איהר קאַלב אין איין טאָג שלאַכטען זיי.

## פ   י״א

דאָס זיינען אַלע יום־טובים פון יאָהר,
איהר זאָלט זיי אָפּהיטען אין יעדען דור.
פון אַלע יום טובים איז שבת דער ערשטער,
ער איז דער הייליגסטער, דער גרעסטער,
**פסח** דעם פערצענטען טאָג דעם ערשטען חודש פאַרנאַכט,

זאָל דער קרבן פּסח ווערען געמאַכט,
זיבען טעג זאָלט איהר מצות עסען.
געדענקען, אַז איהר זייט אין מצרים געזעסען.
דעם ערשטען טאָג, און דעם זיבעטען האָב רוה,
די צוויי טעג איז יום טוב, קיין אַרבעט ניט טו.
אַז איהר וועט שניידען פון פעלד די גערשטען,
ברענגט אָן עומר דעם כהן צום ערשטען!
פון די נייע ברויטען, אַלע וואָס איהר האָט,
טאָרט איהר ניט עסען ביז איהר ברענגט דעם עומר צו גאָט.
צעהלט אָפּ זיבען וואָכען פון פּסח נאָכ'ן עומר,
דאַן ברענגט „בכורים" פון די פעלדער און בוימער.

שבועות

דעם פופציגסטען טאָג זאָלט איהר יום טוב מאַכען,
ניט אַרבעט אין איהם קיין שווערע זאַכען.
דעם יום טוב „שבועות" זאָלט איהר אויף דורות היטען,
דעם זעקסטען טאָג אין חודש דעם דריטען,
אַז איהר שניידט די פעלדער, זאָל דער ברעג פעלד בלייבען.
די אָראַפּגעפאַלענע זאַנגען טאָרט איהר ניט קלייבען.
פאַר דעם אָרימאַן און גר זאָלט איהר דאָס לאָזען,
אַז איהר האָט, טאָרט איהר זיי אויך ניט פאַרלאָזען.

## פּ י"ב

זאָגט גאָט משה'ן — דו די אידען זאָג,
אַז אין זיבעטען חודש, דעם ערשטען טאָג,

ראש השנה

ראש השנה, דער ערשטער טאָג פון יאָהר איז ביי אייך
האַלט איהם הייליג, מיט אַלע יום טובים צוגלייך.
איהר זאָלט יענעם טאָג קיין אַרבעט ניט טאָן.
אין דיזען טאָג אַ נייער יאָהר הויבט זיך אָן.
שופר זאָל מען יענעם טאָג אומעטום הערען,

**יום-כפור**

דאָן וועט איהר פאַר גאָט דערמאָנט ווערן.
אין דעם צעהנטען טאָג, דעם זיבעטען חודש,
איז „יום הכפורים“, יום מקרא קודש.
גאָט האָט אייך איין טאג אין יאָהר געגעבען.
אַלע אייערע זינד, וועט ער אייך פאַרגעבען.
ניט עסט, ניט טרינקט, קיין אַרבעט ניט טוט.
פייניגט זיך, פאַסט! און אַ גאַנצען טאָג רוהט!

פ

אין חודש תשרי, דעם פופצעהנטען טאָג זיין,
די צייט, וואָס איהר נעמט די ברויט פון די פעלדער אַריין.
(חג האסיף)
זיבען טעג יום טוב, דעם ערשטען און דעם לעצטען טאָג רוהט.
קיין שווערע אַרבעט אין די טעג ניט טוט.
דעם ערשטען טאָג נעמט אַ „פרי עץ הדר“, אַן „אתרג“ אַ שענעם,
אַ לולב, הדסים, ערבות*), בינד זיי אין איינעם,

**חג הסכות**

זמן שמחתנו, פרעהליך זאָלט איהר זיין!
אַרוים פון די הייזער, אין די סכות אַריין,
דאָס איז אַ זכרון פון אַמאָליגע יאָהרען.
ווען איהר זייט פון מצרים פריי געוואָרען.
אין מדבר פערציג יאָהר אין סכות געזעסען.
דאַרפט איהר דעם יום טוב קיין מאָל פאַרגעסען!

פ י"ג

אַ מאַן וואָס האָט געהאַט אַ אידישע מוטער,
זיין פאַטער איז אַ מצרי געווען (געווים ניט קיין גוטער),
האָט ער מיט אַ ישראל קריגען זיך גענומען,
און האָט גאָט'ס נאָמען לעסטערען גענומען.

---

*) אתרוג, לולב, הדסים, ערבות, דאָס איז די פיר מינים וואָס מען בענטשט סכות.

זיין מוטער איז געווען „שלמית“ פון שבט דן.
(זי איז אויך קיין פיינע געווען פון פריער אָן)
מען האָט איהם אין תפיסה געבראכט,
ווייל מען האָט נאָך זיין שטראָף ניט באַטראַכט.
האָט גאָט געהייסען פאַרוואַרפען איהם מיט שטיינער,
אַז מעהר זאָל ניט טאָן אַזוי קיינער.
דעם לעסטערער האָט מען אונטער לאַגער גענומען.
און דאָרטען האָט ער זיין שטראָף באַקומען.
די אידען האָבען געטאָן ווי גאָט האָט געבאָטען.
מען זאָל פון אידישען לאַגער די שלעכטס אויסראָטען.

פפפ י״ד

# בהר

גאָט זאָגט משה'ן: — זאָג די אידען אָט די ווערטער:
אַז איהר וועט זיך באַזעצען אויף אייערע ערטער,
זאָל ביי אייך די ערד רוהע האָבען אויף אַ צייט.
זעקס יאָהר די פעלדער זעעט, די בוימער באַשניידט.
דער זיבעטער יאָהר איז שבת פאַר איהר, זאָל זי רוהען אומעטום.
די פעלדער ניט זעעט, די בוימער שניידט ניט אַרום.
און דאָס וואָס וועט אַליין אויפוואַקסן, זאָל אויף די פעלדער
כלייבן.
די וויינטרויבען פון די בוימער פאַר זיך ניט קלייבן.
קלייבן די פרוכט האָבן אַלע דאָס רעכט. —
דו, דער תושב, דיין דינסט און דער קנעכט.
די בהמות און די חיות זאָלט איהר אויך ניט פאַרגעסען,
לאָזט די ברויט אין די פעלדער, זאָלען זיי האָבען וואָס צו עסען.
אַז איהר וועט אָפּצעהלען זיבען יאָהר, זיבען מאָל,
ניין און פערציג יאָהר וועט זיין דער צאָל —
יום כפור אין יענעם יאָהר שופר זאָל זיך הערען.

דער פופציגסטער יאָהר געהייליגט זאָל ווערען.
יובל איז דער יאָהר, רופט פרייהייט אומעטום,
צו זיין משפחה, צו זיין לאַנד, קערט זיך יעדער אום.
דעם יאָהר ניט זעעט, שניידט ניט די וואָס וואַקסען אליין.
די פרוכטען פון די בוימער נעמט ניט פאַר זיך אליין.
דער יאָהר פון יובל זאָל זיין הייליג ביי אייך.
פון פעלד זאָלט איהר עסען אַלע צו גלייך.

## פ ט״ו

צי איהר ווערט קויפען, צי פאַרקויפען, נאַרט ניט איינער דעם צווייטען
איהר פאַרקויפט דאָך ניט די פעלדער, נאָר איהרע ברויטען.
אַז עס איז פיל יאָהרען ביז יובל, טייערער באַצאָל.
ביליגער באַצאָל אַז פון די יאָהרען איז ווינציגער דער צאָל.
האָט מורא פאַר גאָט, נאַרט ניט אייערע פריינד.
איך בין אייער גאָט, פאַלשקייט האָב איך פיינד!
איהר זאָלט מיינע חקים היטען, מיינע משפטים הערען.
וועט אייך קיינער אייער רוהע ניט שטערען.
איהר וועט עסען צו זאַט די ערד וועט פרוכט געבען.
איהר וועט דאַן אין אייער לאַנד רוהיג זיך לעבען.
אַז איהר וועט פרעגען: וואָס וועלען מיר עסען דעם זיבעטען יאָהר?
מיר זעען ניט די פעלדער ניט באַארבעטען זיי גאָר. —
זאָגט גאָט: — איך וועל דעם זעקסטען יאָהר מיין ברכה געבען.
איהר וועט ברויט האָבען אויף דריי יאָהר צו לעבען.
ביז דעם ניינטען יאָהר וועט איהר עסען די ברויט
וואָס איהר האָט דעם זעקסטען יאָהר געזייט.
די ערד זאָל אויף אייביג ניט פאַרקויפט ווערען ביי דיר.
די ערד איז מיינע, איהר זייט נאָר איינוואוינער ביי מיר.
אַז דיין ברודער וועט פאַרקויפען פון זיין לאַנד אַ שטיק,

קען קומען זיין פריינד און זי אויסלייזען צוריק.
אויב פון זיינע פריינד וועט זיך ניט געפינען ווער,
קען ער אליין זי אויסלייזען נאכעהר.
ער מוז זיך בארעכענען מיטן קונה אויף קלאהר.
פיל ער האט זיי געהאלטען, פיל חדשים, פיל יאהר.
און אומקערען די איבעריגע געלד דעם קונה.
און די פעלד בלייבט דעם מוכר'ס א ריינע.
ווען אויסלייזען וועט איהם אליין אויך זיין שווער,
קערט זי זיך אום „יובל" אהן געלט נאכעהר.
אז ער פארקויפט א הויז אין א פעסטע שטאדט,
אויסלייזען צוריק א יאהר צייט ער האט,
ווען די הויז וועט אין אן אפענע שטאט שטעהן,
ווי מיט א פעלד דארף מען זיך מיט איהר באגעהן.
הייזער פון די שטעט וואס מען וועט די לויים געבען,
קענען זיי אויסלייזען זייער גאנצען לעבען.
און די פלעצער פון די הייזער, פון די הויפען,
טארען די לויים זיי קיינמאל ניט פארקויפען.

## ט"ז

אז דיין ברודער ווערט ארים, האלט ביי אויסגליצען,
זאלסט איהם העלפען, מיט געלט אונטערשטיצען.
ניט נעם ביי איהם פראצענט, האב מורא פאר מיר!
זאל דיין ברודער קענען לעבען מיט דיר!
קיין פראצענט זאלסטו ניט נעמען פון קיינעם.
ווען דו פארלייסט געלט, אדער שפייז צו איינעם.
איך האב אייך פון מצרים ארויסגענומען.
איך וועל זיין אייער גאט אז איהר וועט אין כנען קומען.

## פ

אז א ברודער וועט זיין ארעם, וועט זיך פארקויפען פאר א קנעכט

טאָן מיט איהם שווערע ארבעט האָסטו קיין רעכט.
שיק איהם מיט די קינדער פריי, ווען יובל וועט ווערען,
זאָלען זיי זיך צוריק צו זייער פאַמיליע אומקערען.
איך האָב זיי פון מצרים געבראכט, זיי זיינען מיינע קנעכט.
אַז זיי דינען ביי דיר, ניט באַהאַנדעל זיי שלעכט.
אַז דיינער אַ ברודער וועט זיך צו אַן ארמי פאַרקויפען,
מוז איינער פון זיינע פריינד צוריק איהם אויסקויפען.
רעכענט זיך אוים פיל ער איז ביי איהם געוועזן.
ווי דיין ברודער ארבעט שווער, זאָלען דיינע אויגען ניט זעהן.
אידען זיינען מיינע קנעכט, היט מיין געבאָט,
איך האָב אייך פון מצרים באַפרייט, איך בין אייער גאָט!
מאַכט ניט קיין אָפּגעטער, קיין הייליגע שטיינער,
היט מיינע שבתים, מיין הייליגטום, אַ גאָט בין איך איינער!

פפפ י״ז

# בחקותי

אַז איהר וועט מיינע מצות היטען, געהן אין מיינע וועגען,
וועל איך אין דער צייט געבען אייך רעגען.
פיל פרוכט וועלען ארויסגעבען אייערע פעלדער,
און די בוימער פון די גערטנער, פון וועלדער,
איהר וועט זיין מיטן דרעשען און פרוכט — קלייבען פאַרנומען,
ביז דער צייט פון זעען די פעלדער וועט קומען.
איהר וועט עסען צו זאַט, אייער ברויט,
איהר וועט זיצען רוהיג, אָהן מאַנגעל אָהן נויט.
שלום, פרידען וועט אין אייער לאַנד עקזיסטירען.
קיינער וועט מיט אייך קיין מלחמות פאַרפיהרען.
אייער לאַנד וועט זיין פון שלעכטע חיות ריין.
קיין שווערד וועט דורך אייער לאַנד ניט דורכגעהן.
אייער פיינד וועט איהר שלאָגען מיטן שווערד.

זיי וועלען פאַלען פאַר אייך צו דר'ערד.
פינף פון אייך וועלען פאַרטרייבען הונדערט מיט אַמאָל,
און הונדערט פון אייך — טויזענטער אָהן אַ צאָהל.
איך וועל אייך פּרוכפּערען און מעהרען,
מיין בונד מיט אייך וועל איך ניט פאַרשטערען.

## פ

די אַלטע ברויט וועט לאַנג עקזיסטירען,
פאַר די נייע וועט איהר די אַלטע אַרויספיהרען.
איך וועל מיט אייך געהן, מיין רוהע וועט ביי אייך זיין.
איך וועל זיין אייער גאָט, און איהר די פאָלק מיין.
איך האָב אייך פון מצרים באַפרייט, קיין שקלאַפען ניט זיין מעהר,
מיט גרויסקייט געפיהרט אייך, געבראכט אייך אַהער.

## י"ח

אָבער ווען איהר וועט מיין קול ניט הערען,
מיינע געזעצען פאַרהאַסען, מיינע מצות פאַרשטערען,
דאַן וועל איך אייערער אַ פיינד ווערען.
מיינע קללות וועלען אייך באַגעגענען, וואוהין איהר וועט זיך קעהרען.
איך וועל אייך שטראָפען זיבען מאָל פאַר יעדער עבירה,
מיט אלע קללות וואָס זיינען געשריבען אין דער תורה.
ביז דיין הארץ וועט ווערען געבראָכען ביי דיר.
און מיט דיין געבראָכען האַרץ וועסטו זיך אומקערען צו מיר.
דאַן וועל איך דערמאָנען דעם בונד פון אַמאָליגע יאָהרען,
וואָס איך האָב אַמאָל צו אייערע עלטערען געשוואָרען.
ווען זיי וועלען זיין צושפּרייט צווישען פעלקער אַלערליי,
וועל איך דאָרטען זיין שטענדיג מיט זיי.

איך וועל דערמאָנען דעם ברית פון אַמאָליגער צייט,
ווען איך האָב זיי פון מצרים פון שקלאַפען באַפרייט.
דאָס זיינען די געזעצן, וואָס גאָט האָט געגעבען
דורך משה'ן אויפן באַרג סיני די אידען איבערגעבען ! !

פפפ

## חסל ספר ויקרא